206

פאַרגרעסערטער נומער לכבוד דעם 20'סטן יאַרגאַנג

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 328) צוואַנציקסטער יאַרגאַנג יאַנואַר 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

20'סטער יאַרגאַנג „לשון און לעבן", יודנטום און יידישקייט ; מאַנכעסמאַל ..... °° 1
עקידה און גאולה-מאָטיוון אין לייוויקס שאַפן (געדאַנק און שטריכן) דר. יעקב י. מייטליס 6
די יידן (אַ קאַפּיטל פון „ייד זיס") ..... ליאָן פויכטוואַנגער 11
ווי אַזוי אליהו האָט זיך באַוויזן אויף ווייטשעפל, דגל מנשה, דאָס לידל פון עפל-ביימעלע ראָמאַנטישע סאָנעטן (באַלאַדעס און לידער) א. נ. שטענצל 14
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (די היסטאָרישע מיסיע פון די נביאים) י. ריכטיקער 21
אַ לאָנדאָנער יידישער חלום . . . (פעליעטאָן) ..... ש. י. האַרענדאָרף 27
אַ האַרבסט-ליד (ליד) ..... ר' היישעריק-פוקס 30
ווי וויכטיק יידישע ביכער זיינען (אַ בריוו פון „לאָנדאָנער האָספּיטאַל") 30
מיין לעבן און שטרעבן (זכרונות) ..... ד. גאָלדינגער 31
אַן אַרויסגעריסן בלעטל געשיכטע פון יידישן לעבן אין אַמסטערדאַם יוסף הלל בראָנשטיין 34
מיידלאַך און בלומען (פּאָעמע) ..... יוליאַן טווים 38
און די איבעריקע ? . . . ..... אליהו פּאַלושאַק 39
נייע יידישע ביכער (רעצענזיע איבער מ. נודעלמאַנ'ס בוך „שעפּט נחת") ש. י. דאָרפזאָן 42
צום „לוניק" . . . (צייט-ליד) עס איז דאָ אַ גרענעץ צו מענטשלעכער שלעכטקייט און אַ גבול געזעצט צו רציחה ..... ש. 44
יידיש-ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ..... 46
אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-צוזאַמענפאָר, דאָס שלום-עליכם-יאָר ..... 47
באַריכט פון י. ל. פּיין-קאָמיטעט ..... 48
דר. יצחק נחמן-שטיינבערג-בוך קאָמיטעט ..... 48
לאָנדאָנער קולטור-ידיעות

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט-פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

דאָס אַקט אַקטיאָרן פּאָרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד זיינען אויסגעטרעטן פאַרגאַנגענעם חודש ביי די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג און זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם.

• • •

דער וואָרט-קאָנצערט אונטערן נאָמען „בשמים-אַלערליי" פון אַקטיאָרן פּאָרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד איז דורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

אונזער רעציטאַר איציק גאָלדבערג, איז נישט געזונט, ער געפינט די לעצטע וואָכן אויף באַאיבאַכטונג אין לאָנדאָן האָספּיטאַל, מיר אים ער זאָל באַלד אַרויסקומען געזונט-ערהייט.

• • •

דער אַרבעטער-טוער, חבר בירנבוים, נאָך לאַנגע וואָכן קראַנק זייך איז די טעג אַרויס פון שפּיטאָל.

• • •

מאַרקן מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּל קומען קומענדיק חודש אויף אַ קורצן באַזוך קיין לאָנדאָן.

די לעצטע וואָך פון הייניטיקן חודש, דע-צעמבער, וועט זיין אַ וואָך געווידמעט דעם גרויסן דיכטער און דראַמאַטורג ה. לייוויק וועלכער ווערט אַ בן שבעים : דעם 20'טן, וועט דער יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמי-טאָג זיין געווידמעט די דראַמעס. דעם 21'טן אין בן אור. דעם 24'טן ביים סעמינאַר, וועט נאָך דער לעקציע דעקלאַמיר ווערן לייוויקס לידער.

• • •

אויף די ישראל-פייערונג שבת דעם 29'טן נאָוועמבער האָט מרים נאָוויטש דערציילט פונעם אויפבוי אין ישראל און י. א. ליסקי האָט געלייענט קאַפּיטלעך פון זיין ישראל נסיעה.

• • •

לכבוד דעם בוך עסייען פון יוסף הלל לעווי, האָט דער שרייבער פעראיין איינגעאָרדנט אַ באַנקעט. א. מ. קייזער האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

י. ש. גאָלדמידט געפינט זיך אין שפּיטאָל מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

• • •

## ביכער פון פאַרלאַג „לשון און לעבן"

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפּל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוואָקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער-קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל וואַהייט | 7/6 |
| יובל-אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

## צו דער יובל-השבעים פייערונג פון ה. לייוויק

נאָך דער פייערונג ביי „די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג" דעם 20'טן דעצעמבער, לכבוד דעם 70'סטן געבוירן טאָג פון גרויסן דיכטער ה. לייוויק, האָט „פריינט פון יידיש לשון" אָפּגעשיקט די דאָזיקע דעפּעשע אין יידיש: „ה. לייוויק ניו־יאָרק, פון דער פייערונג צו אייער 70'סטן געבוירן־יאָר ווינטשן מיר אייך אַ רפואה שלימה — „פריינט פון יידיש לשון".

---

## סעמינאַר פאַר „קולטור און וויסן" ווינטער 1958/59

ביי „פריינט פון יידיש לשון" אדלער הויז אדלער סטריט א.1

יעדן מיטוואָך אָוונט 8 אַזייגער

### לעקציעס פאַרן חודש יאַנואַר

מיטוואָך, דעם 14/1 : ש. י. האַרענדאָרף
די געשיכטע פון יידישן טעאַטער

מיטוואָך, דעם 21/1 : הרב ד"ר ה. ראַבינאָוויטש
חסידים אין פוילן

מיטוואָך, דעם 28/1 : הרב ד"ר ה. ראַבינאָוויטש
חסידים אין 20טען יאָר הונדערט

מיטוואָך, דעם 4/2 : יוסף פרענקל
די געשיכטע פון פאָליטישן ציוניזם

---

דער קולטור־קאָמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס
צוזאַמען מיט דער איסט־ענד בראַנטש

### איינלאַדונג צו אונזער

## לעבעדיקע - צייטונג

**וואָס וועט פאָרקומען**

זונטיק, דעם 18־טן יאַנואַר, 1959, 6 אַזייגער

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

**אונטער דער רעדאַקציע פון**

## ש. י. האַרענדאָרף

1. לייטאַרטיקל — לעצטע נייעס ......... דער רעדאַקטאָר
2. ח. לייוויק־צום 70־יעריקן יובל ......... ש. גאָלדשמידט
3. אפרים קאַגאַנאָווסקי, ע"ה ......... י. זאָנטאָג
4. רעוו. א. גאָטליב — צו די שלושים ......... א. חנן

איינטריט פריי — קומט אין צייט

---

## א רפואה שלימה

מיר ווינטשן פריינט י. ל. לאַקער (אין מאַנשעסטער) אַ גוטע דערהוילונג און א רפואה שלימה, נאָך זיין שווערע אָפּעראַציע און לאַנגע וואָכן זיין אין שפּיטאָל.

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 328) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1959 לאָנדאָן

## 20'טער יאָרגאַנג „לשון און לעבן"

אין יאָר 1959, אין דער אויסגאַנג תקופה פון דער ראַקעט און אַטאָם־עפּאָכע, פון סאָוויעטישן לייקא־הונט און דעם אַמעריקאַניש באַפליגלטן מאַלפּעלע; אין יאַנואַר 1959, — ווען יעדער גרויסמויליקער ציניקער און אינדיווידועלער מנובל אַרבעט שוין פּראַקטיש טאַקטיש אויף אייגענער האַנט, און פּאַרטיי־ליניע און פּאָליטישע סטראַטעגיע איז שוין דער שטורעם אין אייגענעם מים־אחרונים־גלעזל, — קומען דערציילן פון אַזעלכע סענטימענטאַלע שמאַנצעס, פון אַ זשורנאַל, וואָס גייט אַריין — בעסער געזאָגט, וואָס האָט זיך אַריינגעמוטשעט ! — אין 20'סטן יאָרגאַנג ? אַ זשורנאַל פאַר דערציילונג, פאַר עסיי, פאַר ליד. (אַחוץ נאַטירלעך, אז מ'קאָן עס דערהויבן צו גרויס־אַפּיל, צו פּראָוואָקאַציע, צו הויכע פּראָווינץ־אַוואַנטורע . . .)

און מכוח וואָסער זשורנאַל ? אין יידיש, וואָס יעדע פגירה, יעדער האָזן־פּעלעכל־הענדלער, ווייסט שוין, אז אויב די שפּראַך איז נאָך נישט טויט, בכל אופן, ביים שטאַרבן האַלט זי שוין ; אַ שפּראַך אָן שום פּראַקטישע און פאַקטישע צוקונפט, אָן קיין ניצלעכע לעבנס־באַרעכטיגונג.

דערציילן, שרייען חי וקים, פון שוועריקייטן, פון שטרויכלונגען, פון נסיונות, דעמלט ווען דער פייערלעכער נומער גופא, דער היינטיקער, דער יום־טובדיקער, ער אליין, שטייט נאָך פונקט אַזוי אויף משקולות, ווי דער ערשטער, ווי יעדער נומער מדי חודש בחדשו ?

קומען מיט התנצלות, מיט תערומות, מיט טענות ? צו וועם ? צו אָפיציעלע „אַפּישלס" וואָס ישראל חינוך, המשך, איז ביי זיי אַ געוויש אַרום פאָנדאָן, אַפּילס און שלומים־געלדער ?

אין יאָר 1959 מאַכן אַן עסק אַרום אַ יובל־־פייערונג פון אַ זשורנאַל ? אונטערפירן אַסך־הכל צום 20'סטן יאָרגאַנג־עקסיסטענץ פון „לשון און לעבן", וואָס יעדער נומער זיינער איז ממש אַ מיסטישע ציפער, אַ נס, כאָטש גראַמען עס אין גמטריאות — תולה ארץ על בלימה !

אפשר זינגען, צו דער פייערונג פונם מאָמענט, דאָס ליד „שירת דודי לכרמו" ?

אָבער מיט וועמען זיך משפטן, וועמענען דראָען ? אפשר סטראַשען די גענז ?

אַ, איר נאַרישע מענטשן, אַ יידישן חודש־זשורנאַל, מיט ליד, מיט דערציילונג, מיט עסיי, זאָל קאָנען רעגלמעסיק דערשיינען אין אַ יישוב, ווו די סינאַגאָגע, די כלי קודש האַלטן זיך אויפן זכות פון טיכטיקן חברה־קדישא־קאַלעק

טאָר; ווו די עקסיסטענץ פון די „האָלי ביבל“ איז דער זכות פון די „פּעדזשעס“, ווו ס׳געפינען די פּסוקים מיט די אָנהויב אותיות, וואָס מ׳קאָן מיט זיי צוזאַמענשטעלן דעם נאָמען פונם נפטר; אינם לאַנד ווו „טיים איז מאַני“, ווו כבוד ווערט געקויפט ווי לעבער ביי כשר קצב אויף דער וואָג — אין אַזאַ ישוב, אַז אַ יידישער חודש זשורנאַל זאָל קענען אַרויסגיין מדי חודש בחדשו און אַריינגיין אין 20׳טן יאָר, מיינט אויף אייגענעם לייב און לעבן שפּירן דעם נצח ישראל.

וועלן מיר נאָך האָבן די זכיה און דעם זכות ווייטער אָנצוגיין? דאָס ווענדט זיך אין דער מאָס מסירת נפש, וואָס מיר וועלן האָבן! דאָס איז די גאַנצע גרויסקייט פון נצחדיקייט, וואָס מ׳קאָן פון איר נאָר קונה זיין אַזויפיל וויפיל מסירת־נפש מען גיט פאַר איר אַוועק, און דאָס איז — די אייגנטלעכע מאָס פון גייסטיקע שעפערישקייט! און מיט דער דאָזיקער מאָס ווערט אויך געמאָסטן אַ פאָלק, און דער אויסדויער פון אַ ישוב.

אין דעם ביסעלע פרייד פון אונזער פייערונג, און אין די דערפאַרונג פון די יאָרן ביז אַצינד, וועלן מיר האָפן אַז אונזער ישוב וועט נישט אָפּשטיין און נישט פאַרשעמט ווערן, חלילה, און מיט זיינע אָרעמע כוחות וועט ער ווייטער בלייבן אַ מיטבאַטייליקטער אינם גרויסן גייסטיקן געראַנגל פון יידישער שעפערישקייט.

## יודנטום און יידישקייט

מיטן תנ״ך און תלמוד איז דאָס יידישע פאָלק אַוועק פון דער „אלטער וועלט“, און אין די פינסטערע דורות פונם גאַנצן מיטל־אלטער געלעבט אינם ליכט פון די שני מאורות הגדולים. און „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש“, אַלע שפּעטערע דערפאַרונגען און שעפערישע איינפאַלן פון טויזנט יאָר גלות־לעבן, אַריינגעלייגט אין אַ וואָרט פון דער תורה, אין אַן אות, אַרויסגעדרונגען פון אַ קוצו של יוד; פאַרפלאָכטן אין אַ מאמר חז״ל די גאַנצע חכמת היון.

פונם אלפסי־רמב״ם ביזן בית יוסף־רמ״א, פון פינסטער אפריקא־שפּאַניע, איבערן פויאַדאַלן פראַנקרייך־דייטשלאַנד, ביז די פאַרשקלאַפטע סלאַוון־לענדער, ס׳האָט יד־החזקה־געזעץ געאָרדנט דעם תוהו ובוהו אין יידישן לעבן. דעם חשכות פון די אַלע לענדער זיינען מיר מיטן לעבן אַדורך, אַ דאַנק דעם בראשית־ליכט פון די שני־מאורות הגדולים. און ווי קריסטאַלן־הענגלען אַרום הענג־לייכטער, וואָס שפּילן אויס די ליכט־סימפאָניעס פון כל ערליי שטראַלן־געפונקל, זיינען געווען די אַלע פּילפּולים איבער פּילפּולים שקלא־וטריאס און פּרושים איבער פּרושים דרשות און חדושים — עס האָט געגלעט דאָס האַרץ און באַרואיקט דאָס שווערע געמיט.

אמת דער ספר הספרים איז אַזוי טיף, אַז „הפך בה הפך בה דכולה בה“ — אַלץ קאָן מען שוין געפינען דערין! עס איז אַ קאָנדענסירטע אורשאַפונג פון צוויי טויזנט יאָר פום אַלטן ערד־טייל, ווו עס איז געשטאַנען די וויג פון דער מענטשהייט — עס איז דער אומענדערלעכער און אומענדלעכער באַגריף פון עטיק אין זיין גאַנצער שעפערישער מעכטיקייט.



און די עסטעטיק פונם ספר הספרים איז די אָריענטאַלישע שיינקייט, אַ פאַרשלייערטע אין זיבן שלייערס! אַז וויפיל שטויב פון צייט זיי זאָלן אין זיך נישט איינזאַפּן ווערט די שיינקייט נאָך סודותדיקער און צניעותדיקער.

אָבער אַרויסקומענדיק פונם מיטל־אַלטער, אינם רענעסאַנס, ווו דער פערגוואַלטיקטער מענטשלעכער קערפּער איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרבלענדטער מוילוווּרף אין דער קאַלטער שיינקייט פון אָקצידענטאַלער נאַטור, דעמלט גראָד ווען זי האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן מיט אַלע רמ״ח אברים און אויסצופאָרמען אירע תרי״ג פאָרמולעס און נאַטור־געזעצן — —

נאַטירלעך, קאָן אַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, לעבן אַ געצוימט׳ס איז זיינע צוימען, וואָרים נישט נאָר זענען זיינע געזעצן פאַרסך־הכלט געוואָרן מיט אַ שטאַרקע האַנט, נאָך אויך זיין האַרץ איז געזעצט געוואָרן, פּנימיותדיק־אינערלעך — די עטיק פון „ספר חסידים“, פון „אורחות הצדיקים“ דאָס זיינען שוין נישט בלויז נאָר דברי מוסר און פילאָסאָפישע חקירות, עס האָט שוין אין זיך די פשטות פון אַ צווייטער נאַטור; אַ קיל־באַרעכנטע, אַ דיסציפּלין־ציווילי־זירטערע — נישט מער דער זוהר־גלי און שטרענגער „חובת־הלבבות“!

אָבער ווי גרויס די נאַטור־געבונדנקייט פון דער תורה זאָל נישט זיין, ווי איבערמענטשלעך־שעפעריש יעדעס וואָרט זאָל נישט זיין, אַ וואַנדערדיק פאָלק וואָס דרייט זיך רק מיטן פּנים צום מזרח, און זאָגנדיק בלויז „מה נאה אילון זה“, ווי שיין איז דער בוים, איז עס ווי ס׳וואָלט זיך אַ מעשה־אָפּגעטון, אַזאַ פאָלק ווערט סטעריל, אַסקעטיש אויסגעמאָגערט; עס דערהאַלט נאָך דאָס לעבן מיט אַן אַריינגעכאַפּטן תענית, מיט אַ טיפּת־חלב־פּילפּול — עס וויקלט זיך אַ לעבעדיקע מומיע אין אַ טלית שכולו תכלת.

טויזנט יאָר לעבנדיק אינם נייעם וועלט־טייל, איז אויב די ביימער האָבן נישט אַריבערגעוואַקסן די צוימען און די געטאָ־מויערן, אָבער די קלעטערפלאַנצן האָבן שוין גענומען קלעטערן אויף די כתלי־בית המדרש־ווענט, און אין די ווילגאַטש־ווינקלען אינם פאַליש האָבן צווישן ווילדע שוואָמען, גענומען שוין שפּראָצן גרינע גרעזעלעך, נייע מינים בשמים־קרייטעכצער. טויזנט יאָר אַז מען פאַרטייטשט פּסוקים, וואַקסט אַן אייגן לשון אַרויס — די צונג לייגט זיך נישט מער: דער שיחות חולין אַליין שוין פון די תלמידי חכמים ווערט אַ לימוד. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן אין די מערב און אין די מיטל־אייראָפּעישע געטאָס.

אין מזרח־אייראָפּע, איינאַטעמדיק זאַפטיקע זשיוויעצע פון די פּוילישע סאָסנע־וועלדער, ווייטע רחבותן פון די אוקרייאינישע ברויט־פעלדער, האָבן די פרישע דערפאַרונגען פון טויזנט יאָר לעבן אויפן נייעם ערד־טייל, פאַרוויגט אין חלומות די שאַרף־פאַרשפּיצטע, אַסקעטישע תלמידי חכמים־קעפּ; עס צעוואַקסט זיך הדרת־פּנימידיקער זייערע בערד, זייערע האַרטע פאַרקנייטשטע שטערנס באַקומען פאַרטיפטערע פאַלדן; זייערע פּלפּולים הערן אויף צו זיין, וואַנדליק צווישן די הויכע בערג, אין די טיפע וועלדער, אין די דערפער „הרים התלוים בשערה“.

פון כאַטע צו כאַטע אין געוויג פון די תבואה־פעלדער, כאַפּט זיך אַ ייד ביים פאַרטייטשן זיך אַ פּויעריש ווערטל, ווי להבדיל אַ פּסוק — עס ווערט כשר בטעמט אין זיין מויל; עס פאַרלירט די פרעמדע האַמעטנעקייט, ווי דאָס כלאַפּסקע וואָלאַכל, וואָס פאַרטיפט זיך אין אַ ניגון. און נישט נאָר פאַרטייטש ער זיך דאָס פרעמדע וואָרט, נאָר דאָס געפּישטשע פונם פויגל פאַרשטייט ער, און דאָס געביל פונם הונט. טרעטנדיק אויף די קרייטעכצער הערט ער אין זייער ריח און אין שאָרך דברים של טעם, וואָס זיינען אַ באַלזאַם צום האַרץ. אינם סטאַוול, אין טייך דערזעט ער זיך און ער ווערט אַליין אַ דערשיינונג, אַ נס: ס׳איז נישט נאָר פאַראַן אַ „שולחן ערוך״, נאָר ס׳איז פאַראַן וואָס צו עסן — פונם געהעצטן זשעדנע יהודי ווערט אַ ברייטער ייד, אַ ייד מן הישוב — אַ מישובדיקער, אַ געזעצטער! דער געזעצן־געהעצטער „יהודי אני״, וואָס אַנטלויפט פון גאָט, בייז אויף זיך, כאַטש וואַרף אים אין וואַסער אַריין — ווערט אַ „גוטער ייד״. זיינע שטייפע מאַניערן און הועיות ווערן שם־הויהדיק.

דאָס גלות יודנטום, הייבט אָן צו פירן שטאַאַט, ווערט אַ „מלכותדיקע״ יידישקייט. דער ספר הספרים איז נישט מער אַן עול, אַ מלוכה קאָדעקס פול מיט בייזע פאַראַגראַפן, פון מ׳טאָר נישט און מ׳מעג — עס ווערט ממש דאָס קאָך־בוך פאַר די בעטמטע יידישלעכע מאכלים, דאָס מאָדע בוך פאַר דער יידישער „טראַכט״, דער פאָלקלאָר זינגענדיקער זינג־זאַנג פאַרן בנעימות גייענדיקן טאָג: „ברוך ד׳ יום יום״ — עס איז אַ נחת צו זיין אַ ייד, אַ מחיה: „אַ ייד צו זיין איז טייער״.

דער ספר הספרים, מיט די טויזנט פּרושים, דער חזיון פון די „ואחרית הימים״־נביאים, ווערט דאָס טאָג־טעגלעכע יידישלעכע טאָג־בוך, פון די טויזנט און איין שטעטל אויף דער מזרח־אייראָפּעאישע ערד.

טויזנט יאָר האָבן אונזער פאַטריאַרכן געוואַנדערט איבערן אָריענט, געזאַמלט די אור־דערפאַרונגען פאַר דער מענטשלעכער נאַטור און די ווערטער עסטעטיש עס צו פאַרמען, און אַנדערע טויזנט יאָר האָט עס געמוזט נעמען, עס צי פאַרשרייבן אין אַ ספר־הספרים — אַזעלכע כתבים בלייבן אייביק, עס בלייבט די שריפט פון דער מענטשלעכער עטיק.

טויזנט יאָר האָבן מיר געוואַנדערט צווישן די אייראָפּעאישע פעלקער, פאַר יעדן פריש־דערפאַראַנעם פאָלקלאָר־וואָרט האָבן מיר זיך געטובלט אין אייגענעם בלוט, באַקומענדיק די אייגענע ווערטער דערצו האָבן מיר גענומען פאַרשרייבן, אויב נישט אַ געהייליקטער ספר הספרים, זיינען עס שריפטן וואָס וועגן גיין אין דער אייביקייט אַריין — דער פאָלקלאָר פון די **אייראָפּעאישע** פעלקער, זייער רעאַל־פּלאַסטישער וועלט־באַנעם באַקומט אַן עטישן תיקון.

יידנטום און יידישקייט! יידישקייט איז נישט עסקעטיש, איז נישט סטעריל — עס איז שפּעדיקע זאַפטיקייט! אַ פּרוש מאַכט אַן פּירוש, אַן עסקעט ווערט אַ פּוסק — געוואַגטע שעפערישקייט איז אַליין אַ פּסוק.

און מיר לעבן נאָך אין מיטן פונם צווייטן טויזנט יאָר פונם עסטעטישן פאַרמען פון די שעפערישע דערפאַרונגען צווישן די פעלקער אין אייראָפּע.



וואָס מיינט אַזוינס שאַפן? וויאַזוי ווערט געשאַפט ליכט? ווען שטאָפן ווערן צעשטערט, אויף אַש פאַרברענט, ווערט געשאַפן ליכט. דאָס איז מסתם דער גרויסער קבלה־סוד פון „שבירת הכלים״. ווען אַ פאָלק ווערט צעשטערט געשעט דער נס — דער פּראָצעס פון זיין שאַפן! וויאַזוי איז דען אַנדערש צו פאַרשטיין די פּראָדוקטיווע שעפערישקייט אין אונזער צעבראָכענעם דור, אין יעדן ווינקעלע ווי שטיקלעך און ברעקלעך פון אונזער פאָלק האָט זיך געראַטעוועט? און איז דען דער פּראָצעס און דער נס אַנדערש געווען דעמלט, מיט טויזנטער יאָר צוריק, ווען אונזערע שני מאורות הגדולים האָבן זיך געשאַפן?

מיט אונזער געביין האָבן מיר אויפגעשטעלט דעם לייכט־טורעם פונם פאַטריאַרכאַלן מאָנאָטעאיזם. ווו מיר זיינען געווען זיינען מיר געוואָרן דער יסוד פונם מלכות שמים־פעסטונג, גאָטס קעניגטום אויף דער ערד. און מיטן טאַטע־מאַמעדיקן יידישלעכן, מיטן שפּעדיק־שעפערישן אין די לעצטע יאָרהונדערט אויפן אָקצידענט, ווערן די עסקעטיש נביאישע וויזיעס, וואָס האָבן זיך פייערדיק־באַוויזן באותות ומופתים, באַוויזן קאַלט־מאַטעמאַטיש און מיט געאָמעטרישע ציפערן, די פּאַטאַמאָרגאַנע־האַלוצינאַציעס פעסטגעהאַלטן, טעלעסקאָפּיש און מיקראָסקאָפּיש — די התגלות פון מענטשלעכע עטיק, באַוויזן ווי 2+2=4! טרוים־פאַרקלערטער אינסטינקט ווערט פּסיכיש־קלאָר.

נישט נאָר ווערן „בערג מעוברת מיט גערעכטיקייט״, נאָר אַטאָמען ברעכן שוין אויף אין חבלי־לידה! דאָס חקירישע פּילפּולדיקע האָר־שפּאַלטערישע פון יחיד השם און יחוד האנושי איז אַ פאַקט נישט מער צו ענדערן — — — אין אַ וועלט, א געגרונדפעסטיקטע אין יושר און צדק, וועלן נייע טויזנט יאָר, שעפעריש דערפאַרענע, שפּעדיק געפאָרעמט צעשטראַלן מיט אַזאַ ליכטיקע מענטשלעכקייט, אַ לייבהאַפטיקע — אַ מלכות־שמימדיק דימענזיאָנאַלע.

מאַנכעסמאָל, ווען פאַר אַ „לשון און לעבן״ איך לייז,
כ׳ווער־דערלייזט, ווי ווען כ׳שרייב אַ סמוטנע־מוטנע ליד;
גליאיק־גליוער געגאָס גייט סקרוך דורך גאַנצן גוף,
און בלייב שטיין אַ מאָנומענט פון בראָנז אויסגעשמידט —
דורך אַזאַ מין צער וואָס איבערפולט מיינע אויגן,
קוק איך טרויעריק אָן דעם קויפנדיקן ייד:
צי וואָלט נישט בעסער געווען, ווען ער ענטפערט מיר אויך,
ווי צענדליקער אַנדערע: יידיש? „איי קאַנ׳ט ריד״?

קאָן איך אים געבן אַ גאָט, ישראל, סאָציאַליזם?
אין צומאָל, אויב מיין ליד איז גוט ווייס איך אויך נישט.
שנעל דרייט ער זיך אויס, ווי דערשראָקן, ווי באַנומען,
זיין אַפּהענטיקן טראָט כ׳קוק נאָך צעחושט צעמישט.
שפּעטער, איך דערזע אין האַלב לײדיקן זאָל דעם ייד,
שטיל פאַרטיפט ער זיצט, בלעטל נאָך בלעטל ער מישט — —
אַז קיינער זאָל נישט זען, פון אַזאַ מין גרויסע פרייד,
נישט איינמאָל פון מיין אויג אַ טרער מיר אויסגעווישט.

דר. יעקב י. מייטליס

## עקידה און גאולה־מאטיוון אין לייוויקס שאפונגן

(געדאנקן און שטריכן)

גארנישט איז אפשר אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם אייגנארטיקן גאנג פון לייוויקן דורך דער יידישער ליטעראטור, ווי זיינע טיפזיניקע רייד אין זיין באקאנטן רעפעראט „דער ייד — דער יחיד", וואס ער האט געהאלטן אויפן אידעאלאגישן קאנגרעס אין ירושלים אינעם זומער 1957 (אפגעדרוקט אין „צוקונפט", אקטאבער 1957). דארט רעדט לייוויק צום סוף וועגן זיך, דעם יחיד און געוויסע קינדהייט־איבערלעבענישן, וואס האבן זיך טיף איינגעקריצט אין זיין נשמה. ער זאגט דארט, אז „מער פון אלץ גייט מיר נאך יצחקס ליגן אויף דעם עקידה־מזבח, זיין קוקן אויפן אויפגעהויבענעם מעסער ביז דער מלאך פון גאט זאגט אן אז ס'איז געווען נאר א נסיון..." איז טאקע דער טענאר פון זיין דיכטונג געבליבן אט דער מוראדיקער מזבח־בראנד, די אייביקע עקידה פונעם מענטש, דעם טראגישן קרבן, וואס ליגט כסדר מיט אן אויסגעשטרעקטן האלדז אונטער דער שארף פון תליונס מעסער. איז טאקע לייוויקס גאנץ לעבן געווען איין לאנגער און שווערער עקידה־וועג, ווו ער אליין איז דער קרבן און א געבונדענער אויפן וועלט־מזבח קוקט ער רחמימסדיק „אויפן אויפגעהויבענעם מעסער..." און ווייל לייוויק וויל נישט בלייבן קיין ליידנדיקער און באַוולטער, א פאסיווער קרבן פון דעם אייביקן שוחט־מענטש, ווייל ער וויל ביי קיין שום אופן נישט געהערן צו דער האמעטנער סטאדע שעפסן, וואס ווערט געפירט צו דער שחיטה, ראנגלט ער זיך מיט זיין ביטערן גורל, רעוואלטירט ער און זוכט א וועג צו באפרייונג, וואס זאל באגלייך פירן צו גאולה פון פאלק און מענטשהייט.

אזוי זענען געווען לייוויקס אנהויבן, זיינע ערשטע, נאך אומרייפע טראט אין דער יידישער ליטעראטור, פול מיט ליידן און אויפברויז, אנטוישונגן און מרידה, וואס האבן אים, דעם יונגן רעוואלוציאנער געפירט איבער די צארישע תפיסות און סיבירער קאטארגע צו דער הויך פון רייפקייט און שלמות, וואס ער האט דערגרייכט אויף זיין לאנגן, שווערן וועג פון זיין דיכטערישן בארגארויף. זיין מרידה איז געווען אן עטישע, א הומאניטאר־סאציאלע. איז טאקע לייוויק פאר אונדז קודם כל א טיף־מאראלישע פערזענלעכקייט, א דיכטער פון א גרויסן פארמאט, וואס שטייט מיטן פנים צו די סאציאלע און נאציאנאלע פראבלעמען פון דער צייט, און וואס זיינע שאפונגן זענען אדורכגעדרונגען מיט א שטארקן רעליגיעז־סאציאלן עטאס. ווי זיין משיח בן דוד, איז דער דיכטער דאס געוויסן פון דער וועלט, דער גרויסער בעל־יסורים, וואס טראגט אויס אין זיין צעווייטיקטער נשמה דעם גאנצן צער און די האפענונגן פון דורות. אלס דער גרויסער נאציאנאלער ווארט־זאגער איז לייוויק כולל אין זיך אלע שווערע, אימהדיקע איבערלעבענישן פון דער היינטיקער תקופה, די בלוטיקע עקידות פון זיין פאלק און באגלייך די יסורימדיק־אויסגעטראגענע און אויסגעבענקטע גאולה־האפענונגען פון אונדזער דור, דעם דור פון שווערן אומקום. תמיד א צעריסענער, פול מיט ספיקות און סתירות, א גרויסער בעל־חזיון און א תמיד אומרויקער, וואס איז כסדר מיט זיך פארנומען און ווערט קיינמאל מיט זיך נישט פארטיק, פרובט לייוויק אויף זיין אייגנארטיקן אופן מיט דער הילף פון זיין סימבאליזם צו געבן א פירוש אויף דער אייביקער איוב־דראמע פון מענטש, אויף זיין שרעקלעכער נויט און ראנגלעניש, זיין נסיון און זיין שטענדיקן שטרייט קעגן דעם ביטערן גורל. עס איז א סימבאליזם, וואס האט גאר א וויכטיקע פונקציע אין לייוויקס דראמאטישע שאפונגן און וואס וועבט א סודותדיק־מיסטעריעזע שטימונג ארום דעם נעכטן און היינט, אפט פארוואנדלנדיק רעאליטעט אין א חלום און חלום אין א רעאליטעט.

אין צענטער פון לייוויקס שאפונגן שטייט תמיד דער יחיד. עס איז דער יחיד אין זיין דערשיטערנדיקער גרויסקייט, אין זיין אפט אויסזיכטלאזן, אבער פארט גבורהדיקן פארמעסט מיט די כוחות פון פינצטערקייט פאר א בעסערן און ליכטיקערן מארגן. עס איז דער יחיד, ווי דער דיכטער גופא, וואס קען נישט און וויל נישט גיין אין שפאן און איז דעריבער מורד. עס איז זיין גורל תמיד צו שטיין אין קאמף מיטן רבים, מיט דער געזעלשאפט, ווייל ער איז אנדערש פון די אנדערע, ווייל זיין וועלט איז אין תוך גענומען אן אנדערע, א טיפערע און א מאראלישערע, וואס שטייט אונטער אירע אייגענע געזעצן. דערפאר טאקע גיין לייוויקס העלדן, ר' מרדכי מאזע, דער מהר"ל און הירש לעקערט, דער מהר"ם און די אנדערע, זייער אייגענעם וועג. אמת, עס איז א שווערער וועג פון עקשנות און הייליקן ווידערשטאנד, פון מסירת נפש און ליידן, אבער וואס פירט סוף כל סוף צו די ליכטיקע הייכן פון א ריינער, שלמותדיקער גאולה, פון כולו זכאי. עס איז דער חזיון פון די שענסטע און בעסטע גייסטער פון אלע פעלקער און בתוכם טאקע פון יידישן פאלק. עס זענען, ווי תמיד, שטארקע, דערהויבענע מורדים־פערזענלעכקייטן, עקשנים־טרוימער און קעמפער, וואס ראנגלען זיך מיט זייער און זייער פאלקס גורל, וואס ווילן נישט וויסן פון קיין פשרות און זענען גרייט צו גיין דעם לעצטן וועג פון קידוש השם. הירש לעקערט גלייבט פונקט אזוי ווי זיין אנטיפארד דער גרויסער ר' מענדעלע קעצקער אינעם כוח פון יחיד, פון איין ייד, איין קעמפער איז גענוג, כדי צו באפרייען א וועלט, אראפצוברענגען משיחן.

באפרייונג, גאולה אין איר גאנצער לויטערקייט און שלמות איז דערפאר דער סאמע לייט־מאטיוו פון א ריי דראמאטישע ווערק פון לייוויקן. שוין זיין ערשטער דראמאטישער פרוב „די קייטן פון משיח" (געשריבן אין דער מינסקער תפיסה אין יאר 1908), מיט זיין גאנצן שטאמלנדיקן, אומרייפן לשון, איז שוין אן אנזאג פאר דער קומענדיקער משיח־גאולה־טעמאטיק פון לייוויקן. עס זענען די קייטן פון משיחן, וואס האלטן אים כסדר געבונדן, אז ער קען נישט באפרייען די וועלט. די אמתע גאולה, לערנט אונדז לייוויק פשט אין זיינע שפעטערדיקע דראמאטישע פאעמעס, ווערט כסדר געפעלשט. תמיד באווייזן זיך פאלשע משיחים, גולמשע־משיחים, וואס מאכן פון דער הייליקער גאולה־

בענקעניש פון דער מענטשהייט אן אינסטרומענט פאר זייערע פערזענלעכע מאכט־אמביציעס און ממילא פון עוולות און פיין. ווי אזוי קען משיח קומען, אויב די וועלט איז כולו חייב און מלא צביעות און רציחה? ווי זאל מען אנטקעגן גיין משיחן, אויב די וועגן, וואס פירן צו אים, צו גאולה, זענען פול מיט הרוגים? אין „גולם" הייסט דער מהר"ל דעם אלטן בעטלער (אליהון) צונעמען דעם יינגן בעטלער (משיחן) און אנטלויפן, ווייל „ווער זאל עפענען פאר אים די טירן, די בלוט־פארשמירטע הענט פונעם רוצח?" ווי קען בכלל געמאלט זיין עכטע, ריינע, שלמותדיקע גאולה, אויב זי ווערט באגלייט פון תאווה צו מאכט, פון רויב און מארד, פון א כסדרדיקן בלוט־פארגיסן און אלץ נייע עקידות?

ווייל די צייטן אין מהרל"ס פראג (16טער יארה) זענען געווען ווי די היינטיקע, ביטערע צייטן, מיט מלחמות, צרות, שרעק און פארצווייפלונג, און מען קען זיך אויף משיחן נישט דערווארטן, באשאפט דער מורד־מהר"ל דעם גולם (יאסל). עס איז, לויט לייוויקס באַנעם, א מין סעקונדערער משיח, א סוראָגאַט פון דער לויטערער משיח־געשטאלט, און ער איז אויך דער איינציקער „וואס מעג זיין פינצטער, וואס מעג פארגיסן בלוט פאר בלוט". דער גולם אבער, וואס איז געקומען אויף דער וועלט כדי צו דינען די דערהויבענע גאולה־צילן פון מהר"ל, שטראפן די רשעים, נקמה נעמען פאר די עוולות קעגן יידן, ווערט צום סוף איינגעזונקן אין די „שרעק פון משוגעת" פון זיינע אייגענע פינצטערע מיטלן... ער איז געווארן א פינצטער ווערקצייג, וואס פארגיסט בלוט, על־פי רוב אומשולדיק בלוט, און רייסט זיך מיט אלע כוחות צו זיין פריי, צו שטיין אין זיין אייגענעם רשות, זיין א ציל פאר זיך... דערשרעקט זיך דער מהר"ל פאר זיין אייגענעם באשאף און רופט אויס מיט יאוש „איך האב געוואלט פארמיידן בלוט — און בלוט פארגאסן". ער האט נישט מער קיין שליטה אויפן גולם, וואס נעמט זיך רעוואָלטירן קעגן זיין באשאפער, דעם מהר"ל פון פראג. עס איז א תהום צווישן אט דעם אויסלייזער־גולם, וואס איז יא געקומען, און דעם אמתן, ליכטיקן גואל, וואס זיין צייט איז נאך נישט געקומען, ווייל די וועלט איז נאך מלא רציחות און איז על כן נאך נישט ראוי אויסגעלייזט צו ווערן.

פאר לייוויקס טיפן הומאניזם איז באזונדערס כאראקטעריסטיש דער פאקט, וואס דאס פראבלעם פון מענטשלעכער דערלייזונג גייט אים נאך דאס גאנצע לעבן, דורך זיין גאנצער דיכטונג. אין זיין דראמאטישער פאמע „די גאולה קאמעדיע" רייפט ביי לייוויקן דער געדאנק, אז עס קען גאר געמאלט זיין, אז דער אמתער גואל זאל זיך אליין גארנישט קענען אויסלייזן. ער לייזט אויס א וועלט, אבער נישט זיך אליין, ער בלייבט חייב. אויב אויסלייזן א פאלק, א וועלט הייסט, אז בלוט מוז זיך גיסן, טא מוזן אויך דעם גואלס הענט זיין גערייט איינגעריכט צו ווערן פון בלוט. היינט ווי קען דער גואל ברענגען א שלמותדיקע גאולה אויף דער וועלט און זיך זעלבסט, אלס דעם העכסטן מאראלישן פרינציפ אויסלייזן, אויב זיינע הענט זענען בלוט־באפלעקט, אויב זיין געוויסן איז



באלאדן מיט א שווערער אחריות פאר יעדן פארגאסענעם טראפן בלוט? דערפאר טאקע קלייבט לייוויקס משיח (חנינה) אויס גאולה נאר פאר אנדערע, פאר די וועלט דרויסן, אבער נישט פאר זיך אליין. ווי קען ער, וואס איז לויט לייוויקס קאָנצעפּציע, דאס געוויסן פון דער וועלט, זיין אויסגעלייזט, אז גאולה־בלוט קלעפט נאך צווישן זיינע פינגער? שאפט זיך דעריבער אזא טראגי־קאָמישע סיטואציע, אז בשעת די „אויסגעלייזטע" טאנצן, ווי אמאל די באפרייטע פון מצרים ארום דעם גילדענעם קאלב, און פרייען זיך מיט דער שמחה פון זייער גרויסן נצחון, זיצט דער משיח בן דוד, דער גואל נאמן אליין אין א פינצטערער תפיסה־קאמער, איינגעהילט אין גרויסער עצבות, מיט א הארץ פול פיין און יסורים און איבער זיין קאפ שוועבט די האק פון אייביקן תליון... די קאָמעדיע פון גאולה איז איר גרויסע טראגעדיע. דער נמשל אויף דער היינטיקער צייט מיט די פארפעלשטע רעוואלוציעס און די גולם־באפרייערס איז קלאר. עס קלינגט ווי א מעשהלע פון גאר אלטע צייטן מיט א פרומען מוסר־השכל צום סוף. אלס א דראמאטיש ווערק איז דאס שענסטע דיכטונג, וואס פליסט פון טיפע, ריינע קוואלן, פון דער לויטערקייט פון לייוויקס געמיט.

איז לייוויקס ליד פונקט אזוי ווי א טייל פון זיינע דראמאטישע פאעמעס, אנגעהויבן פון „גולם", איבער דער מיסטעריעזער „חתונה אין פערנוואלד" ביז צו זיין לעצטער דראמע „אין די טעג פון איוב", גארנישט עפעס אנדערש ווי א פירוש, א טיפזיניקע אינטערפרעטאַציע פון לייוויקס עטאָס אויף די אויפטרייסלנדיקע געשעענישן פונעם היינט, מיט אירע איבערקערענישן און רעוואלוציעס, מלחמות און בלוטיקע פארניכטונגען. אומעטום זעט לייוויק דעם מענטש ליגן א געבונדענעם אויפן עקידה־מזבח אונטער דעם תליונס מעסער; אומעטום ווערט דער יחיד פארפייניקט אין די תפיסות און אין די לאגערן, אויף די אויטא־דאפעען און אין מאדערנע גאז־קאמערן, און אלץ אין נאמען פון פרייהייט, אין נאמען פון א גליקלעכן מארגן. די פראבלעמען זענען נישט צייטגעבונדן, זיי זענען איבער־צייטלעך. לייוויק זעט זיי אין זייער אייביקייטספערספעקטיוו. עס איז נישט נאר דער צער פון אונדזער דור, נאר דער צער פון דורות. דער טרויעריקער היינט פארמישט זיך מיטן בלוטיקן נעכטן און עס ווערט פון זיי איין גאנצקייט, איין גרויסע, טראגישע רעאליטעט. אזוי באגעגנט זיך דניאל פון דאכאו מיטן מהר"ם פון ראטענבורג (13טער יארה) און לייוויק גיט אונדז אנצוהערן:

„...מיר זיינען ניט די איינציקע אין צער
אין יידישע יסורים, איבער אונדז —
די לעבעדיקע פיין פון דורות".

און כדי צו פארשטארקן אין אונדז דאס באַוווסטזיין פון דורות־צער און פיין, וואס מאכט דעם היינטיקן ווי אמאליקן ייד שטאָל־הארט, תמיד גרייט ביי־צושטיין דעם גרויסן נסיון פון קידוש השם, לאזט אונדז לייוויק הערן דורך דעם אלטן אהאספער:

„. . . א ייד, וואס איז אין דאכאו, איז אויך אין מאינץ,
א ייד, וואס איז אין מאינץ, איז אויך אין דאכאו
אין איינער און דער זעלבער רגע — דארט און דא“.

פאר דעם יונגן דניאלן פון דאכאו („מהר״ם פון רוטענבורג“) איז נישטא קיין גרויסער חלוק צווישן די מזבחות מיט די עקידות, וואס פלאקערן דא און דארט, אינם גאנג פון דער יידישער געשיכטע, צי אין

„. . . מוריה, עין חרוד, נבו, מאידאנעק,
איין פלאקער פייער נעמט זיי אלעמען ארום“.

אבער נישט געקוקט אויף די מוראדיקע פיין און אומקום פון די לעצטע יארן, טראגט דער דיכטער אין זיין הארץ א שטילע, טיפע האפענונג, א גלייבן אין גאולה, אין באנייונג און ווידעראויפלעבונג. עס איז דער גלויבן אין יידישער נצחיות. וואס דען וויל אונדז זיין קונציק מיסטעריע־שפיל „די חתונה אין פערנוואלד“, וואס לייוויק האט אנגעשריבן באלד נאך זיין באזוך ביי דער שארית הפליטה אין די לאגערן אין יאר 1946, לאזן הערן ? עס איז אן שום ספק אן אפאטעאז אויף יידישער האפענונג, אויף קומעדיק, אויפגייענדיק ניי יידיש לעבן. דארט וו נעכטן זענען נאך געשטאנען די פאבריקן פון טויט, ווערט היינט געפראוועט א חתונה, די ערשטע חתונה פון צוויי לעבנגעבליבענע פליטים אינעם דייטשן לאגער. די חתונה איז דער סימבאל פון א רצון צו לעבן, פון א ווייטערדיקן המשך פון געפייניקטן פאלק.

ארום דער חתונה הערשט א שווערע, אן אימהדיקע שטימונג. די אטמאספערע איז אנגעזעטיקט מיט פחד און שרעק, מיט שאטענעס פון די אומגעקומענע, פון די פארפייניקטע און געראצחנטע. צוזאמען מיט די יידן פון דער שארית הפליטה, קומען אויף דער חתונה די נעכטיקע געשטאלטן, די פארגאזטע און פארברענטע און בראשם פירט דער אלטער פליט (אליהו) אים, דעם יינגן פליט (משיח צדקנו), וואס איז „געווען מיט זיי אין סאמע פייער“. מיט די פארברענטע איז ער געווען אין די פלאמען פון די גאז־אויוועגס, יעצט איז ער דא מיט דער שארית הפליטה אויף איר ערשטער חתונה, ביים אנהויב פון א ניי לעבן. ער איז יעצט דער משיח פון די געראטעוועטע און לעבנגעבליבענע. צוזאמען מיט זיי שטייט ער ביים אנהויב פון א ניי לעבן. עס איז א געזוקטער, א צעפליקטער, אבער א לייכטנדיקער גואל, וואס לעבט צווישן די יידן, וואס קרענקט און ווייטיקט מיט זיי, אבער וואס פרייט זיך מיט זייער שמחה און איז תמיד ביי זיי. ער איז מיט זיי געגאנגען אין פייער אריין און א ווידערגעבוירענער הייבט ער אן צוזאמען מיט זיין עדה א ניי לעבן.

האבן מיר דא צו טאן מיט א נייעם פירוש פון לייוויקן אויף דער אייביקער משיח־וויזיע, איז די „חתונה אין פערנוואלד“ די גאולה־דראמע פון אונדזער צייט ? איין זאך איז קלאר, זי פארענדיקט מיט די לאגערן און גאזקאמערן פון נעכטן און שטראלט אויס א נייע האפענונג, א נייע מאס בטחון און א באגינען פון א ניי לעבן. עס איז א גרויסער טייל פון דעם נייעם לעבן, וואס גייט איצט אויף מיט אזויפיל ברכה אויף דעם באדן פון מדינת ישראל.



## ליאן פויכטוואנגער

# די יידן

(אַ קאַפּיטל פון „ייד זיס“*)

אין די שטעט ביים מיטללענדישן ים און דעם אטלאנטיק זענען די יידן געזעסן גרויס און מעכטיק; האבן פארוואלטעט מיטן האנדל צווישן מזרח און מערב. האבן זיך צעשפרייט איבער די ימים; האבן זיך באטייליקט אין אויסשטאטן די ערשטע שיפן צו די מערב־אינדישע אינזלען; האבן ארגאניזירט דעם מסחר מיט דרום און צענטראל־אמעריקע; האבן אויפגעעפנט בראזיליען; האבן געגרינדעט די צוקער־אינדוסטרי אויפן מערב האלב־טייל פון דער וועלט; האבן געלייגט די פונדאמענטן, אויף וועלכע ניו־יארק האט זיך אנטוויקלט.

נאר אין דייטשלאנד זענען זיי געזעסן קליין און קלאגעדיק. אין פערצנטן יארהונדערט האט מען זיי אין איבער דריי הונדערט און פופציק געמיינדעס געהרגעט, געשלאגן, דערטרענקט, פארברענט, געבראכן אויף רעדער, דערשטיקט, לעבעדיקערהייט באגראבן. די אנטרונענע האבן לרוב אויסגעוואנדערט קיין פוילן. פון דעמאלט אן איז זייער צאל געבליבן קליין אין דער הייליקער רוימישער אימפעריע. אויף זעקס הונדערט דייטשן איז אויסגעפאלן איין ייד. אונטער ראפינירטע אויספרעסונגען מצד דעם פאלק און דער מאכט האבן זיי געלעבט איינגעענגט, קלאגעדיק, פארחושכט, קרבנות פון יעדן קאפריז. פארבאטן איז זיי געווען מלאכה און פרייער בארוף, די פארשריפטן פון די אמטן האבן זיי געדרענגט צום פארוויקלטן און קאמפליצירטן שאכער־האנדל און לייען געלט אויף פראצענט; זיי באשרענקט אין איינקופן לעבנסמיטל, נישט דערלויבט זיי זיך אפצושערן די בארד, געצוואונגען זיי צו טראגן לעכערלעכע און דערנידרנדיקע מלבושים, איינגעשלאסן זיי אין א באגרענעצטן תחום, פארריגלט, פארצוימט די טויערן פון זייער געטא אוונט איין אוונט אויס. באוואכט זייער ארויסגאנג און זייער אריינגאנג. געדיכט צוזאמענגעפרעסט זענען זיי געזעסן; האבן זיך געמערט, אבער מען האט זיי נישט געגעבן מער שטח. נישט קענענדיק בויען אין דער ברייט, האבן זיי אנגעלייגט אין דער הויך, איין שטאק אויפן צווייטן. כסדר ענגער, חושכדיקער, פארוויקלטער זענען געווארן זייערע געסלעך. נישט געווען דארט קיין ארט פאר קיין בוים, קיין גראז, קיין בלום; אן דער זון זענען זיי געשטאנען, אן לופט, פארשטעלט דאס ליכט איינס דעם אנדערן, אין א דיקן שמוץ, וואס האט געדראט מיט סכנה. אפגעזונדערט זענען זיי געווען פון דער פרוכטבארער ערד, פון הימל, פון גרינס. דער ווייאייענדיקער ווינט האט זיך דארט געפונען געפאנגען אין זייערע גראע, שטינקענדיקע געסלעך, די הויכע, איינגעבויגענע הייזער האבן געשטערט צו זען די פארבייציענדיקע וואלקנס, דעם בלאען הימל. געבויגן האבן

* אין לאָסאַנזשעלעס איז פאַרגאַנגענעם חודש געשטאָרבן דער גרויסער שרייבער לעאָן פויכטוואַנגער, דריקן מיר אָפּ אַ קאַפּיטל פון זיין באַרימטן בוך „ייד

זייערע מענער זיך געשלעפּט, זייערע שיינע פרויען האָבן געוועלקט פאַר דער צייט, פון צען קינדער, וואָס זיי האָבן געבוירן, זענען זיבן געשטאָרבן. זיי זענען געווען ווי אַ טויט, געזאַלצן וואַסער, אָפּגעשניטן פון דעם פרייפליסנדיקן לעבן אינדרויסן, אָפּגעזונדערט פון דער שפּראַך, פון דער קונסט, פון דעם גייסט פון די אַנדערע. גערדיכט צונויפגעדרענגט איינס אויפן אַנדערן זענען זיי געזעסן אין אומגליקלעכער אינטימקייט; יעדער איינער האָט געוואוסט יעדן איינעמס סודות; גרייט תמיד זיך צו קריגן, צו מסרן, האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אַריינגעבערענגט אין כעס; געלעמט און דאָך ענערגיש, האָבן זיי זיך דערצאַרנט איינס דאָס אַנדערע אין זייערע יסורים; יעדערער איז געווען יעדערנס שונא און דאָך איינגעוועבט אין דער זעלביקער נעץ צוזאַמען מיט אַלע. מחמת דער קלענסטער פעלער מצד איינעם פון זיי אָדער צופאַל האָט געקאָנט ברענגען אַן אומגליק אויף זיי אַלע.

נאָר אַדאַנק דעם געפיל, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר נייע זאַכן, פאַרן מאָרגן, האָבן זיי געאָנט די איבערקערעניש אין דער אויסערלעכער וועלט, אַז געלט הויבט אָן פאַרנעמען דאָס אָרט פון יחוס און ווערדע. אָט אַ דאָס איז אויך געווען זייער אייגענע דערפאַרונג: בשעת סכנה, רעכטלאָזיקייט, ריזיקע איז געווען בלויז איין שוץ, צווישן אַלעם אומזיכערן, טרייסלענדיקן נאָר איין פעסטע זאַך: געלט. קיין ייד מיט געלט האָבן די וואַכלייט נישט פאַרהאַלטן ביי די טויערן פון געטאָ, דער ייד מיט געלט האָט מער נישט געשטונקען, די מאַכט האָט אים נישט געצוואונגען צו טראָגן קיין לעכערלעך־שפּיציק מיצל. די פירשטן און די שררות האָבן זיך גענויטיקט אין אים, נישט געקענט מלחמה פירן אָן אים אָדער אויסהאַלטן זייערע חיילות. שוואַבישע פּרינצן האָבן געלאָזט יצחק לאַנדויער און יוסף זיס גרויס און פּרעכטיק ווערן; אין דער זון פונם קורפירשט פון בראַנדענבורג זענען געוואַקסן די ליפּמאַן גאַמפּערס און שלמה אַליס, אינם קייזערס הויף — די אָפּפּענהיימערס.

אָבער די געדיכטע מאַסע פון די אונטערדריקטע און רעכטלאָזע, און די איינצלנע מעכטיקע; די שטאָלצע יידן פונם נאָענטן מזרח און די גרויסע האַפּן־שטעט, וואָס האָבן באַהערשט די האַנדלס־וועגן פון אייראָפּע און פון דער נייער וועלט און אַנטשידן אין זייערע קאָנטאָרן איבער מלחמה און שלום, און די שמוציקע, דערגענערירטע, נידריקע, לעכערלעכע יידן פון די דייטשע געטאָס; די יידישע לייב־דאָקטוירים און מיניסטאָרן ביים קאַליף, ביים שאַך אין פּערסיען, ביים סולטאַן אין מאַראָקאָ אין זייער הערלעכקייט און גרויסן גלאַנץ, און דער פאַרלויזטער המון פון די פּוילישע שטעטלעך אין זייער שמוץ און פאַראַכטונג; די באַנקירן פון קייזער און פון די פירשטן, געהאַנדלט און געהאַסט אין זייערע קאַבינעטן, און דער יידישער הענדלער אויפן דאָרף נאָכגעיאָגט פון הינט, דערנידעריקט און באַליידיקט פון גאַסניונגען און אַפילו פון דער פּאָליצײַ: אַלע האָבן זיי געהאַט איין סוד געמיינזאַם. נישט אַלעמען איז עס געווען קלאָר; בלויז יחידים האָבן עס געקענט אויסדריקן; אַ טייל האָבן זיך געהיטן עס נישט צו מאַכן באַשיימפּערלעך קלאָר אַפילו פאַר זיך אַליין. אָבער אין בלוט



האָט עס אַלעמען געשטעקט, אינם אינערסטן געפיל: דאָס טיפע, סודותדיקע, זיכערע באַוואוסטזיין פון דער אומזיניקייט, אומזיכערקייט, ווערטלאָזיקייט פון מאַכט. זיי זענען שוין אַזוי לאַנג געזעסן קליין און נישטיק צווישן די אומות העולם, ווי קאַרליקעס, צעשפּרייט ווי אַטאָמען אָן זין. זיי האָבן עס געוואוסט, אַז הערשן און ווערן באַהערשט איז נישט דאָס ווירקלעכע, דאָס וויכטיקע. זענען דען נישט די מאַכט־קאָלאָסן צעשפּליטערט געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן? אָבער זיי, וואָס האָבן נישט קיין מאַכט, זיי האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער וועלט.

און געוואוסט פון אָט דער לערע, אַז מאַכט איז הבל הבלים, האָבן סאַי די גרויסע סאַי די קליינע צווישן יידן, די פרייע און די מיט לאַסטן, די ווייטע און די נאָענטע... נישט מיט פּשוטע ווערטער, נישט מיט גענויער השגה, נאָר מיטן בלוט, מיטן געפיל. עס איז געווען אָט דאָס דאָזיקע סודותדיקע וויסן, וואָס פלעגט זיי פּלוצלונג לייגן אויף די ליפּן דאָס אומפאַרשטענדלעכע, מילד שמייכלע, וואָס האָט אַזוי טאָפּלט גערייצט זייערע שונאים, ווייל ס'האָט זיי אויסגעזען ווי אַן אומפאַרשעמטע חוצפּה, און ווייל אַלע זייערע גרויזאַמקייטן און מאַטער האָבן נישט געהאַט קיין שליטה קעגן אָט דעם. יאָ, דאָס דאָזיקע סודותדיקע וויסן איז געווען דער פּשט פונם ספר.

פונם ספר, יאָ, זייער ספר. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע מלוכה, וואָס זאָל זיי האַלטן צוזאַמען, נישט קיין לאַנד, נישט קיין ערד, נישט קיין מלך, נישט קיין אייגענעם געמיינזאַמען לעבנס־שטייגער. און אויב זיי זענען דאָך געווען איינס, מער איינס ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט, איז עס געווען דאָס ספר, וואָס האָט זיי געאייניקט. ברוינע, ווייסע, שוואַרצע, געלע יידן, גרויסע און קליינע, אין פּראַכט־מלבושים און אין שמאַטעס, אפּיקורסים און פרומע, צי זיי האָבן פאַרברענגט יומם־ולילה זייער לעבן אין שטילע שטובן מיט חלומען אָדער אַרומפאָרן אין אַ גאָלדענעם ווירבל און הערלעך איבער דער וועלט: טיף איינגעזונקען אין זיי אַלע איז געווען די לערנונג פון אָט דעם ספר. פאַרשיידנאַרטיק איז די וועלט, אָבער זי איז הבל און אַ יאָגן זיך נאָכן ווינט; איינער אָבער און איינציק איז דער גאָט פון ישראל, אייביק און אין סוף — י.ה.ו.ה. טייל מאָל האָבן די ווילדע געוויקסן פונם לעבן איבערגעוועלטיקט אָט דאָס דאָזיקע וואָרט, אָבער עס האָט פעסט געשטעקט אין יעדן איינעם פון זיי, און אין יענע שעהן, ווען זיי זענען זיך געווען געטריי, ביי די העכסטע פּונקטן פון זייער לעבן, איז עס זיי ביי געשטאַנען, און ביים שטאַרבן איז עס זיי בייגעשטאַנען, און וואָס איז געבלאָזן פון איינעם צום אַנדערן איז געווען דאָס דאָזיקע וואָרט. מיט רצועות האָבן זיי עס געבונדן צום האַרץ און צום קאָפּ; האָבן עס צוגעפעסטיקט צו זייערע טירן; האָבן אָנגעהויבן דעם טאָג און אים פאַרענדיקט דערמיט; דאָס ערשטע צו לערנען זויג־קינדער האָבן זיי באַנוצט אָט דאָס וואָרט, און דער שכיב־מרע האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט דעם זעלביקן וואָרט. פון אָט דעם וואָרט האָבן זיי געצויגן יניקה אויסצוהאַלטן די מאַסן צרות אויף זייער וועג. בלאָס און סודותדיק האָבן זיי געשמייכלט איבער דער מאַכט

פון אדום, איבער צארן און שגעון פון זיינע פארגאנגענע מעשים און פלענער אויף להבא. אלץ וועט בטל ווערן ; בלייבן וועט בלויז דאס ווארט.

צוויי טויזנט לאנגע יאר האבן זיי געשלעפט מיט זיך אט דאס ספר. עס איז געווען זייער פאלק, זייער מלוכה, זייער היים, ירושה און פארמעגן. זיי האבן עס פארמיטלט צו אלע אומות, און אלע אומות האבן עס אנגענומען. נאר די איינציקע געזעצלעכע אייגנטימער, קענער און פארוואלטער זענען געווען בלויז זיי אליין. . .

זעקס הונדערט און זיבן און פערציק טויזנט, דריי הונדערט און ניינצן אותיות האט דאס ספר. יעדעם אות איז געווען געציילט און געוואויגן, גע־פארשט און באשטעטיקט. יעדעס אות האט געקאסט לעבן, טויזנטער האבן זיך געלאזט פייניקן און טייטן פאר יעדן אות. איצט איז דאס ספר טאקע געווען גאנץ זייער אייגנס. און אין זייערע שולן, בשעת דעם יום־הקדוש, האבן די שטאלצע, וואס האבן געוואנדלט מיט מאכט, גאנץ אזוי איבערצייגט ווי די קליינע, די געטרעטענע, די הכנעהדיקע, מתוודה געווען און געשריגן : גארנישט האבן מיר אחוץ דעם ספר.

איבערזעצט פונם אריגינאל,
א. א.

## א. נ. שטענצל

## ווי אזוי אליהו האט זיך באוויזן אויף ווייטשעפל

(באַלאַדע)

1

אין אַ סערמינגע, די האַק אין שטרוי־פּאַוורוס פאַרשטעקט,
אין די שטעטלעך אליהו אַרומגעגאַנגען ;
אַ פאַרדורשטיקט פערדל אַ פולן עמער וואַסער,
אַ ייד אַ נצרך אַ בייטל געלד דערלאַנגען.

צו יעדן ברית, זיצן אויף כסא־של־אליהו,
אויף רייטוואָגן אַראָפּגעקומען פון הימל,
פריש יאַכל אונטערטראָגן קראַנקע קימפעטאָרן,
שטאַרקן די ביינדלעך פונם רך־הנימול.

אפּקומען פאַר די געהרגטע נביאי־שקר,
צו גיין איבער דער וועלט מיט האַק, זיך פאַרוואָלט אים ;
און ביי שוואַבע אלמנה, ביי אַ ייד א חלוש,
אַ קלאַפּטער האָלץ אויף שייטערס און שפענער געשפּאָלטן.

האַלבע שעה פאַר ליכט־בענטשן נאָך, אין אָרעמער שטוב,
אַריינגעוואָרפן אַ קאַרפּ אָקאָרשט געפאַנגען — —
דאָס איז געווען אַמאָל אין די הייליקע שטעטלעך,
יענע צאַפּלדיקע צייט לאַנג שוין פּערגאַנגען.



אליהו הנביא ביינאַנד מיט די יידן,
געלאָזן זיך פאַרברענען אויף שייטערהויפן,
אָבער צוזאַמען מיט זיי, מיט די געבליבענע,
אַהערגעקומען קיין ווייטשעפל צו לויפן.

„שפוך חמתך״ פון אָפענער טיר נאָר דערהערן,
וועט ער אַריין, ווי אין שטעטלעך אַמאָל פסח — —
כאָטש נעמען רייסן אין טיר און טויערן און שרייען,
„אני שלמה״ — אליהו נביא, הייס איך !

ווייס איך וואָס ? און אַז זיי וועלן וויסן ווער ער איז,
מ׳וועט אים דען אין אַ יידיש הויז אַריינלאָזן ?
נאָך גוט ער האָט נישט מיט זיך זיין קנאישע האַק,
אויסגעלאָזן צו זיי זיין גאַנצן ירגזון — — —

יאָ, אינגאַנצן אַנדערש שוין גייט ער דאָ אָנגעטון,
און זיינע וווּנדער אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן ;
נישט לייפּציקער יריד דאָ, נישט „שעווערער יאָר־מאַרק״,
נישט די ווילנער זאַוואַלקעס, נישט וואַרשעווער הויפן.

דאָך אליהו הנביא, פאַרלאָזט זיך אויף אים !
הערט אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך אַלץ פאַרלויפן,
מיט אַ יפת־תואר, אַ יידישע טאָכטער, וואָס האָט
געהאַלטן שוין, רחמנא לצלן, ביים טויפן —

אַז מיט ס׳זייעריקע גאַנצע טעג אויף איין שול־באַנק,
מיט זיי אין די נעכט אין טעאַטערס געגאַנגען,
זייערע ביכער יום ולילה געלעזן,
איר זיס קולכל רק זינגט זייערע געזאַנגען ;

איז פון זייעריקע געהאַלטן אין איין טראַכטן,
ווען נאָך אַ מאַן איר האַרץ גענומען פערלאַנגען !
נישט קיין „מזל־טוב״ און נישט קיין „מגן־דודל״ —
צלמל כאָטש אויף געטאָקט העלדזל אויפגעהאַנגען.

און וואָלט זי דען נישט שוין לאַנג געווען אָפּגעטון,
און אַנשטאָט צו דער חופה — צום „אלטאַר״ געגאַנגען !
אָבער דאָך אַ בת־ישראל, אַ יידיש האַרץ געהאַט,
טאַטע־„מאַ״ נישט געקענט אַ טויט־קלאַפּ דערלאַנגען.

2

אין איין נעפּל־טאָג קומט זי נאָך ווייטשעפל אַראָפּ,
נישט קיין מנורה פאַרן טאַטן צו קויפן,

נישט צומאָל אַ פּליטע, „אַ בריוועלע דער מאַמען״,
און נישט צו באַזוכן דאָ אָרעמע קרובים —

אויפן מציאות־מאַרק איז זי אַראָפּגעקומען,
„קריסטמעס״־מתנות פאַר חברטעס צו קויפן ;
אַז מען רעדט דאָך, רחמנא לצלן, פון אַזאַ,
וואָס האַלט שוין, חלילה ביי שמד, ביים זיך טויפן — —

און אפשר טאַקע גילדן צלמל איינהאַנדלען,
זאָל זי עס האָבן גרייט, ווען זי וועט עס ברויכן !
ווי זי האָט זיך פאַרשמאַכט־פאַרטראַכט, פאַחלומט־פאַרחושט,
אויף אַ טיף גרינען יאָלקע־בוים, אַזאַ הויכן — —

אַ וויטשעפּל־מאַרק אין ערב־קריסטמעס וואָכן,
אַזוינס בלויז טרוימען געקענט שטעטלישע יידן :
איינשלאָפן אין באָד אויף העכסטער באנק צעפּאַרעטע —
אין גן־עדן אויף די הימלישע ירידן — —

אַז וואָס אַלץ מ׳קאָן נישט איינהאַנדלען און ווי שפּאָט־ביליג,
די מציאות — ממש אַן אָקס פאַר אַ דרייער !
צווישן די צעזינגטע פלאָטן רייסט זיך נאָך העכער,
דער הייזעריגער גאָרגל פון אַן אויסשרייער —

גראַמאָפאָנען, ראַדיאָס, רעקאָרדערס, טעלעוויזיעס,
און יעדער סטראַגאַן געוואַלדיקט ווילד אַ הילכער !
טויזנט הענט שטרעקן זיך און טויזנט אויגן גאַפן :
אַז וואָס קאָן שוין זיין ביליגער און וואָס בילכער ?

קאָפּ אויף קאָפּ דאָס געדרענג, דאָס געשטופּ, דאָס געלד געשאָב,
אַרום די לעמפּ אין נעפּל שפּיל פון קאָלירן ;
אונטער יעדער „בערע״, ביידלדיקטער באדעקטער,
פאַרשלייערטע כלה אונטער חופּה פירן.

די שאַלעכלעך, פאָטשיילעכלעך, די ניילאָן־זאָקן,
די פּאָטשערקעס, די פּערל־שנירלעך, די קרעלן,
פון אינטערגעגאַנגענע שיפן גאַנצע אוצרות,
אַרויסגעשליידערטע פון די שוימיקע וועלן.

אַ צעטומלטע זי שטייט אין דעם געדרענג־געבלענד :
אַ צעכוואַלעטער ים אין ווילדן אויפברויזן,
און אויפן ברעג, ווי פון די כוואַלעס אַרויסגעשווענקט,
מיט נאַסע וואָנסעלעך שמאַל־געפּאַסטע הויזן,



אַ שייגעץ ווי אין פּסוק ער שטייט — אַ „טעדי־בוי״ !
„ראָק און ראָל״ מיטן גאַס מיט אים אויפצוטאַנצן !
אַזאַ איינעם שטעלט מען נישט פאַר, מיט איין אויגל־ווינק,
און מען געהערט אים אויף לעבן שוין אינגאַנצן.

אַז גאַנצענע טעג רק מען טראַכט פון אַזאַ איינעם,
איין אויגן־בליק געניגט, און מ׳איז זיך געפעלן ;
בלויז אַהיים אין שטוב אַריין ווי אזוי ברענגט מען אים,
און פאַר דעם טאַטן און פאַר „מאַ״ אים פאַרשטעלן ?

אָדער טאַקע דירעקט צום „רעגיסטער אַמט״ צו גיין ? !
איר ווילט וויסן וואָס די סוף־מעשה געווען ?
בפירוש ווי אין „קב־הישר״, ווי אין „לב־טוב״
ווי ביי פּרצן אין אַ מעשה צו לעזן — —

• • •

זיין נאָמען איז געווען אליהו, אַ ווילנער,
געקומען איבער ישראל, פון שייטערהויפן,
ווינען ווינט ער, אויפדערוויל, אין „יידישן שעלטער״,
און זוכן זוכט ער דאָ זיינע רייכע קרובים.

דאַכט זיך, אפנים, ער האָט טאַקע שוין געפונען,
אָט שטייט זי פאַר אים ווי פון גאָלד אויסגעגאָסן !
און צי קאָן דען נאָך זיין אַ רייכערער ייד אַצינד,
ווען זיין טאָכטער געפינט אַ יידישן חתן ?

אַ תנאים געווען אַלע יידישע קינדער געזאָגט,
נישט טאָטע־מאַמעס האַרץ — מ׳האָט טעלער געבראָכן !
אזוי האָט זיך אליהו געטון טאָן באַווייזן,
אויף וויטשעפּל־מאַרק אין ערב קריסטמעס וואָכן.

## דגל מנשה

(אַ מעשהלע אין צוויי סאַנעטן)

1

אַזאַ מעשהלע ס׳וועט זיך דערציילן אַמאָל :
צו דער אינזל דאָ מיט יאָרן לאַנג צוריק,
אונטער אַ פאַרנעפּלטער פינסטערער בריק,
קומען־געשווומען אַ ייד, מנשה בן ישראל.

איז קראָמוועלס שווערד געווען פון געשליפנסטן שטאָל,
חריפיש־שאַרפער מהרש״א־„ודוק״ — זיין טריק!
פון ים־התלמוד אַרויס טויכט קלאָר זיין בליק,
דעם גאַנצן אַרום ער נעמט אַדורך מיטאַמאָל.

געאַנקערט אויף אַ ווייל קוים, בלויז אויסצושטייגן,
איבער אַ זעגל אַ לאַטע דאָ צו לייגן,
אַ לאָך אין איר אויסגעפיקט אַ שוואַרצע קראָ.

זאָל נאָר בלויז ס׳ריכטיקע ווינטעלע אָנקומען —
ס׳ביסל האָב און גוטס תיכף צוזאַמענגענומען,
און אָפּגעצויגן אין אַ מזלדיקער שעה.

2

און ווי אין אַ מעשהלע ציט עס זיך ווייטער:
זיינען אויסגעלאַטעט שוין אַלע שטאָפּן,
קומט אַ גוט ווינטל ציט׳ס גאָר קיין צפון!
און איז גאַנץ שוין דער זעגל — רייסט זיך די לייטער!

פון זאַלץ צעפרעסן — פון מאַסט שוין אַ שייטער!
ווער ווייסט ווי ווייט מעשהלע זיך פאַרלאָפן,
ווען נישט איבער נאַכט אַ נס וואָלט געטראָפן — —
זע, איבער ים אַ פּאַטשיילע פאַרשפּרייט ער — — —

(זאָל איך אייך דערציילן ווער ער איז געווען?
אויב איר זעט אים נישט, ווער איר אים שוין נישט זען.)
אויף כוואַלעס־פערד רייט ער, אַ שטורעם קומט ער אָן,

על רגל אחת — טויזנט און איין וועג׳ל!
דער הגל־מנשה — זיין פלאַטער זעגל,
און דער שלאַנקער מאַסטבוים — דער שטעקן פון זיין פאָן.

## דאס לידל פון עפלביימעלע

(צום 20׳טן יאָרגאַנג ל.א.ל. דעם פאַרלאָזענעם ווייטשעפּל־היימעלע)

פון אַ ביימל אַראָפּגעשליידערט אַן עפל,
פון ווערעם הויל־צעטאָטשעט, פאַרפוילט ער ווערט,
אויב איין זוימענדל זיינס, אַ געזונד׳ס עס בלייבט בלויז,
און אָנגענומען מאַמעדיק פון דער ערד,
אין ווייטן וויסטן פעלד אין ווינט און אין רעגן,
אָבער פאַרוואָרצלט צי ווערן אים באַשערט —



אַן עפל־ביימל עס וואַקסט אַרויס ווו צוריק —
און מיט צווייגלעך צעצוויט, אין זון עס צעבליט,
אַ פאַרוואָגלט פייגעלע אַ שוואַכינקס, אַ קראַנקס,
און מיט לעצטן האַרץ־פלאַטער ס׳דערציט, ס׳דערפליט,
און אויף זיין שפיץ עס בלייבט שטיין אין ווינט און אין רעגן,
און אַ לידעלע, אַ שטילינקס, עס פאַרציט — — —

אויף אַזאַ ביימעלע, אין ווינט און רעגן,
און אַזאַ פייגעלע בויט זיך נישט קיין נעסט;
אין וויסטע שבט־נעכט, אין שטורעמס און אין שנייען,
לאַדן זיך דאָ די ווילדע ראָבן צו געסט — — —
אָבער ווער דאָס ביימל אויסגעוואָרצלט ווערן,
צומאָל שטילינקסט לידל נישט הערן מער ווער.

## ראמאנטישע סאנעטן

1

און אַז אין דיינע אָרעמס עס וועט רוען מיין קאָפּ,
און מאַמעדיק דיינע הענט וועלן אים גלעטן — —
אָבער קאָן מען אָפּגעהאַקטן קאָפּ נאָך רעטן,
ווען פון אונטער שאַרפער האַק שוין ער פאַלט אַראָפּ?

נישט קוק, וואָס פון וויע מיינע הענגט אַ טרער אַראָפּ,
און אָפענער בליק מיט אַזויפיל געבעטן,
ס׳איז לעצטע רגע קוים, מיין אויג בלויז נאָך זע׳טן —
דעם האַק־אויפהויב, הויך־אָטעמדיקן, טיף־שווערן סאָפּ!

ווען אין דיינע אָרעמס מיין טויטער קאָפּ וועט ליגן,
ווי איבער אַ קינד אין וויגל עס איינצוּוויגן,
מאַמעדיק דערבאַרעמדיק אַ שלאַנקע דיך בויגן,
דיינע הענט וועלן גלעטן, טוליען דיינע ליפּן,
לוליענדיק וועסט לאַכן, שאָקלענדיק צעכליפּן —
גולמדיק־פאַרגלייזט וועלן גלאָצן מיינע אויגן.

2

און אַז ליפּ אויף ליפּ און אויג אויף אויג אַזוי,
אַצוריק לעבעדיקער מיין קאָפּ וועט ווערן;
מיין אויג דיך דערזען, מיין אויער דיך דערהערן,
לייבהאַפטיק ווי אַמאָל פונקט אַזוי געטריי —

מיין בליק צוריק אַזאַ שטראַלנדיקער בלוי!
אַן אַלט־קלוג קינד וואָס צעשמייכלט זיך דורך טרערן,
די גאַנצע וועלט וואָלט גאַנץ אַליין אים געהערן —
איבער פאַרגעס־מיך־נישט אַ טראָפּעלע טוי.

יאָ, מיין קאָפּ אַ באַרוישטער צוריק פון פרייד,
צום־אויפפלאַצן אָן אָנגעפולטער מיט רייד,
יעדעס וואָרט צעפלאַפּלט און איבערגעטריבן — —
אָבער אַז פון לייב דער קאָפּ שוין אָפּגעשניטן,
מיט לעצטן צוק צאַפּלדיק אויסגעליטן,
און האַרץ אין געקעפּטן גוף איבערגעבליבן ?

3

דאָס וווּנדער : „איין גוף איין נשמה צו זיין״ :
אונטער האַרצן איינעמ׳ס דאָס צווייטע זאָל שלאָגן,
מיט לעבן אויפגעצאַפּלט עס אויסצוטראָגן — —
שלאָגט נישט לעבעדיקער קוואַל אונטער אַ שטיין ?

קלינגענדיק־דורכדרינגענדיק, קלאָרינק און ריין,
נישט בלויז ווער צו ווער וויל ליבלעך עפּעס זאָגן,
די שטיינדלעך צומאָל ווי לעבעדיק זיך יאָגן —
אין געמורמל קונדייסים פאַלן אַריין.

זע, עס טאַנצט סאַלאָמע מיט קאָפּ פון געקעפּטן,
זי טראָגט קוואַלנדיקע קרוג, אָקאָרשט געשעפּטן,
ווי שלאַנק איר גאַנג, ווי קאָלט צעפונקלט אירע בליקן —
פאַלנדיקע כוואַלעס — שלייערס באַפליגלטע !
אויף איר קאָפּ זי טראָגט די זון אַ צעשפּיגלטע,
פלאַם־פאַרדורשטיקט האַרץ צו דערקוויקן, צו דערשטיקן.

4

דעם לעצטן טאַנץ גאַנץ אים אויסטאַנצן צי קענען,
ווי קייגן אַ טויביכע עס טאַנצט פאַרליבט אַ טויב ;
דאָ אַ ברעקל, דאָרט אַ ברעקל, אינמיטן געקלויב
אונטער די פליגל אַזאַ פייערדיק ברענען.

אָ, אַ מענטשלעך האַרץ גאַנץ צו קענען דערקענען,
און פול בלייבן דערצו מיט גלויביקייט און מיט לויב — — —
וואָס איז דען דאָס הייפעלע ערד, שטויב געקלעבט צו שטויב,
און אין גאָטס האַנט הייליק גאַנץ געפאָרמט מיר זענען ?

פון גוף יעדער באַוועג, אַ מינדסטער ריר, אַ בויג,
אַ מיגניע בלויז פון אַ ווינקעלע פון אַן אויג,
ווי הייליק־שלאַנק קאָן עס זיין, ווי רעליגיעז־גראַציעז ;
גאָטס אָטעם מ׳קאָן שפּירן פון אַ מענטשלעכן הויך,
זען אויפגיין דעם ריח פון בשמימדיקסטן ווייררויך
פון פעלטעלע הויט — — מיט פאַרהויכטן בליק נאָך איך זע׳ס.



י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## די היסטארישע מיסיע פון די נביאים

א

דער ביי־נאמען נביא, ווי שמואל הנביא, נתן הנביא און אנדערע, שיינט צו זיין אן אפּצווייגונג פון העברעאישן שורש „נוב״ : פרוכטיק, אזוי ווי דער טערמין ווערט באנוצט אין פסוק „בורא ניב שפתים״ : ער שאפט די פרוכטיקייט — די ארטיקולאציע פון די ליפן (ישעיה נ״ז). דאס הייסט דער ביי־נאמען נביא האט אנגעוויזן אז די באשעפטיקונג פון דעם מענטש איז — זיין טאלענט צו רעדן — אויסצודריקן געדאנקן אין קלארע ווערטער. ווייל הגם א סך נביאים ווערן אינספּירירט צו זאגן נביאות וועגן דער זעלבער זאך, פונדעסטוועגן די ווערטער, וואס יעדער פון זיי געברויכט איבערצוגעבן די נבואה׳שע וויזיע, זענען פון אים גופא צונויף געשטעלט און וואס מער ווארטקינסטלער ער איז, אלץ שענער זענען זיינע רייד און אלץ טיפער דרינגען זיי אריין אין די הערצער פון די צוהערער.

א באווייז, אז די ווערטער פון נביא זענען ניט א טייל פון זיין נבואה׳שע אינספּיראציע, נאר זיי ווערן פון אים צוגעטראכט, איז דער פאקט, וואס מען געפינט ניט אין גאנצן תנ״ך דער סיגנון : דער סטיל פון איין נביא זאל זיין ענליך צו א צווייטן, אפילו ווען זיי זאגן נביאות וועגן דער זעלבער געשעעניש. עבדיה און ירמיה האבן פאראויס־געזאגט דעם אונטערגאנג פון אדום און יעדער פון זיי האט אויסגעדריקט דעם געדאנק אין אן אנדערן נוסח (עבדיה א׳, ירמיה מ״ט) נאך מער פיר הונדערט נביאים האבן געבענטשט דעם בונד צווישן יהושפט מלך יהודה און אחאב מלך ישראל קעגן ארם מיט אידענטישע ווערטער, האט יהושפט דערפון געדרינגען אז זיי זענען נביאי שקר : פאלשע נביאים (מלכים־א כ״ב), און מחמת א פלאגיאטאר אדער אפנארער, ווי ירמיה הנביא האט אנגערופן חנניה הנביא (ירמיה כ״ח), ווערט אויך באצייכענט מיט דעם ביי־נאמען נביא איז מען בארעכטיקט אנצונעמען, אז דער טייטש פון דעם טערמין נביא איז — טאלענט צו רעדן, ניט אינספּיראציע (סנהדרין פ״ט).

אין אלטערטום איז ניט אזוי געווען, די פארצייטישע העברעער האבן אנגערופן זייער פאראויס־טרעפער מיט דעם ביי־נאמען „הראה״ : דער זעער, אזוי ווי מען געפינט עס פארשריבן אין דער ווייטערדיקער ציטירונג — „כי לנביא היום יקרא לפנים הראה״ : דעם נביא פון היינט האט מען פריער אנגערופן דער זעער, ווייל זיין באשעפטיקונג איז געווען צו זען פארבארגענע זאכן און פאראויס־טרעפן קומענדיקע געשעענישן. מענטשן זענען צו אים געקומען פרעגן וועגן שידוכים, ווען זיי זאלן אקערן און פארזייען זייערע פעלדער, וואו זייערע פארבלאנדזשעטע בהמות געפינען זיך און דערגלייכן. אזוי ווי שאול איז געגאנגען צו שמואל הרמתי פרעגן, וואו ער זאל זוכן די פארלוירענע אייזלען פון זיין פאטער (שמואל־א ט׳). פארשטייט זיך, דער פארצייטישער זעער האט

געמעגט זיין א שטאמעלדיקער און אפילו א שטומער, אזוי לאנג ווי זיינע אותות און מופתים זענען מקיום געווארן איז ער געווען א „ראה אמת״: אן ערליכער זעער. אבער זינט תורת משה האט אים געגעבן דעם נייעם ביי־נאמען „נביא״, מוז ער זיין א רעדעוודיקער — א ווארט קינסטלער און זיינע רייד זענען דער באווייז צו ער איז א נביא אמת אדער א נביא שקר, ניט זיין ווייזן אותות און מופתים אדער פאראויס־טרעפן ,ווי ירמיה האט דאס דערקלערט בשעת זיין סכסוך מיט דעם פלאגיאטאר חנניה הנביא (ירמיה כ״ח, סנהדרין פ״ט, מפרשים).

די פארענדערונג שיינט צו זיין באטאנט געווארן צו משה רבינו בעת דער ערשטער אנטפלעקונג צו אים ביים ברענענדיקן סנה. ווען משה רבינו האט געהערט די שטימע פון ברענענדיקן סנה זאגענדיק: איך וויל דו זאלסט גיין צו פרעה און אויסלייזן מיין פאלק די בני ישראל פון מצרים. האט משה געדארפט גלייך דערקלערן — אזוי ווי ער האט דאס שפעטער געטוען — איך בין א שטאמעלדיקער און עס קומט מיר אן שווער צו רעדן, האט ער אנשטאט דעם געפרעגט — ווער בין איך, איך זאל גיין צו פרעה און באפרייען די בני ישראל פון מצרים? דער אלמעכטיקער האט דערויף צו אים געזאגט — „כי אהיה עמך״: איך וועל דאך זיין מיט דיר. און דאס — די איצטיקע אנטפלעקונג צו דיר — וועט זיין דער אות: דער צייכן, אז איך האב דיך געשיקט... (שמות ג׳) איז אבער משה רבינו ניט צופרידן געווען מיט דעם צייכן פון דער אנטפלעקונג, ווייל ער האט געוווסט אז די בני ישראל זענען געוווינט דער זעער זאל זיי באווייזן מיט אותות און מופתים, אז ער איז א שליח פון אלמעכטיקן. ער האט דעריבער געענטפערט — די בני ישראל וועלן מיר ניט גלויבן און ניט צוהערן מיינע רייד, זיי וועלן זאגן צו מיר — ניט באוויזן האט זיך צו דיר דער אלמעכטיקער... (שמות ד׳)

די רעאקציע אויף משה רבינו׳ס טענה זעט אויס צו האבן געווען ניט קיין גונסטיקע. — וואס האסטו אין דיין האנט? האט דער אלמעכטיקער געפרעגט צו משה רבינו. א שטעקן — איז געווען משה רבינו׳ס ענטפער. ווארף אים אויף דער ערד — האט דער אלמעכטיקער געזאגט, האט משה רבינו געווארפן דעם שטעקן אויף דער ערד און עס איז פון אים געווארן א שלאנג, האט זיך משה רבינו דערשראקן און איז אנטלאפן. האט דער אלמעכטיקער געזאגט צו אים — כאפ אן די שלאנג ביי איר וויינדעל, האט ער אנגעכאפט די שלאנג ביים וויינדעל איז פון איר צוריק געווארן א שטעקן. האט דער אלמעכטיקער געזאגט צו אים — אויב דער איינער אות איז ניט גענוג פאר די בני ישראל צו גלויבן דיר, שטעק אריין דיין האנט אין בוזעם, האט משה אריינגעשטעקט זיין האנט אין בוזעם איז זי געווארן קרעציק באשיט ווי מיט שניי... און אויב זיי וועלן דיר נאך ניט גלויבן און צוהערן דיינע רייד נאכן האבן געזען די צוויי אותות, זאלסטו נעמען וואסער פון טייך און גיסן אויף דער טרוקעניש וועט פון וואסער ווערן בלוט...

ערשט פון די סארקאסטישע באמערקונגען ביים לערנען אים די אותות,



האט משה באגריפן, אז דער נביא דארף האבן טאלענט צו רעדן, זיינע ווערטער זאלן אריינדרינגען אין די הערצער פון די צוהערער, כדי זיי זאלן גלויבן אין זיין נביאות, ניט באווייזענדיק מיט אותות און מופתים. דעריבער האט ער ערשט איצט געזאגט: איך בעט דיך מיין הער, איך האב קיינמאל ניט געהאט קיין טאלענט צו רעדן, ניט נאכטן, ניט אייערנאכטן און ניט זינט דו האסט גערעדט מיט מיר, ווייל איך בין א שטאמעלדיקער און עס קומט מיר אן שווער צו רעדן. האט דער אלמעכטיקער געזאגט צו אים — ווער האט געמאכט דעם מויל פון מענטש, און ווער מאכט אים שטום אדער טויב, און זעענדיק אדער בלינד, ניט איך דער אלמעכטיקער? איצט גיי, איך וועל דיך לערנען ווי אזוי צו רעדן איך וועל דיר געבן די ווערטער אין מויל (שמות ד׳). און משה רבינו איז געווען דער איינציקער פון אלע נביאים, וואס האט באקומען זיין אינספיראציע אויך ווערטערליך, ווי תורת משה דערקלערט דאס ביי דעם סכסוך צווישן אים און זיין שוועסטער — מרים — וועגן דעם ראסן פראבלעם ביים יידישן פאלק. מרים איז אויך געווען א נביאה׳טע (שמות ט״ו) אבער משה׳ס נביאות האט דערגרייכט א העכערע מדרגה — „פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות״: מויל צו מויל רעד איך צו אים, ער זעט אלעס און דארף ניט אויסטייטשן קיין רעטענישן (במדבר י״ב). דערפון איז קלאר, אז די ווערטער, וואס אלע אנדערע נביאים האבן באנוצט אין זייער נביאות זאגן, זענען ניט געווען א טייל פון זייער נבואה׳שער אינספיראציע. זיי האבן געברויכט זייער אנגעזאמעלטן ווערטער שאץ אויסצוטייטשן די נבואה׳שע חזיונות און זייער אויסטייטשונג האט געקאנט זיין א פארפעלשונג אדער א פלאגיאט צו אין גאנצן אויסגעטראכט.

דעריבער טאקי, ווייל משה רבינו האט באקומען זיין אינספיראציע ווערטערליך, איז ער געווען דער מחוקק: דער געזעץ־איבערגעבער און קיין אנדערער נביא האט ניט געהאט קיין רעכט צו פארמערן אדער פארמינדערן פון די געזעצן אין תורת משה. נאך מער כדי צו פארמיידן, אז ניט ריכטיקע אויסטייטשונגען פון נבואה׳שע וויזיעס זאלן דורך זייטיקע וועגן אריינקומען אין יידישן וועלט באנעם, איז פארפאסט געווארן אין תורת משה דער געזעץ, אז ניט אותות און מופתים זענען א באווייז פון אמת׳ער נבואה, נאר דער באווייז איז דער אינהאלט פון נביא׳ס רייד. תורת משה זאגט — „כי יקום בקרבך נביא — אויב עס וועט אויפשטיין צווישן אייך א נביא, וואס וועט מיט אותות און מופתים באווייזן, (אז זיינע רייד זענען אמת) און די אותות און מופתים וועלן אויך מקיום ווערן, וועט ער אויף דעם באוויז נביאות זאגן — לאמיר גיין נאך די אלמעכטיקייט פון אנדערע, וואס איר האט פון זיי קיינמאל ניט געוווסט, זאלט איר ניט צוהערן די רייד פון דעם נביא... איר זאלט ווייטער דינען אייער אלמעכטיקן״... (דברים י״ג) אזוי איז אפגעשוואכט געווארן דער איינפלוס פון פארצייטישן זעער און זיינע אותות און מופתים, און עס איז פארשטארקט געווארן דער גלויבן אין דעם נביא וואס האט מיט דעם אינהאלט פון זיין רעדן איבערצייגט, אז ער איז א נביא אמת.

אבער עס האט גענומען לערך פיר הונדערט יאר ביז די בני ישראל האבן זיך צוגעוווינט צו דער פארענדערונג. שמואל הנביא איז געווען דער ערשטער וועמען דאס גאנצע פאלק האט געגלויבט, „כי נגלה ד׳ אל שמואל בשלה בדבר ד׳״: אז די אנטפלעקונג צו אים אין שילה איז פון אלמעכטיקן און ער רעדט אין נאמען פון אלמעכטיקן, זיי האבן אנגענומען אז ער איז א נביא אמת, ווייל זיינע רייד זענען געווען אין הסכם מיט תורת משה. ער האט נביאות געזאגט, אז חפני און פנחס, די צוויי זיהן פון עלי הכהן, וועלן אומקומען אין איין טאג וועגן זייער אומזיטליכקייט (שמואל־א ג׳). נאך שמואל הנביא איז ווידער אויפגעשטאנען נתן הנביא, אויך ער האט ניט געוויזן קיין אותות און מופתים, און ער איז געקומען צו דוד המלך אין נאמען פון אלמעכטיקן צו שטראפן אים, ווייל דוד האט צוגענומען אוריה החתי״ס פרוי — בת שבע — און אוריה החתי געשיקט אין דער מלחמה וואו ער איז גע׳הרג׳ט געווארן (שמואל־ב י״א). און דער נביא אחיהו השילוני, וועלכער איז אויפגעשטאנען נאך זיי, האט אויך ניט באוויזן מיט אותות און מופתים אז ער איז א נביא אמת, נאר ווייל שלמה המלך האט ליב געהאט ניט יידישע פרויען, איז ער באגלויבט געווען אז דער אלמעכטיקער האט אים באפוילן ער זאל צוטיילן ארץ ישראל אין צוויי מלוכות און באשטימען ירבעם בן נבט צו זיין מלך איבער צען שבטים (מלכים־א י״א).

מערקווירדיק איז, וואס די אויבן דערמאנטע דריי נביאים, ווי אויך אלע אנדערע נביאים פון מלכות יהודה — ישעיה, ירמיה און אזוי ווייטער, נאך דער צוטיילונג פון ארץ ישראל אין א מלכות יהודה און א מלכות ישראל, זענען ניט געווען קיין באווייזער פון אותות און מופתים, און די נביאים פון מלכות ישראל האבן, ווי די פארצייטישע זעער, געוויזן אותות און מופתים. צוויי גרויסע נביאים זענען אויפגעשטאנען אין מלכות ישראל — אליהו התשבי און זיין תלמיד אלישע בן שפט — און יעדעס בלעטעל פון זייער געשיכטע איז פול פון זייערע אותות און מופתים. די נבואה׳שע געשיכטע פון אליהו התשבי האט זיך אנגעהויבן, בעת ער איז געקומען צו אחאב מלך ישראל און האט צו אים געזאגט: „ווי דער אלמעכטיקער פון ישראל לעבט, אויב עס וועט זיין די קומענדיקע יארן טוי און רעגן... האט ער זיך פארבארגן ביים טייך כרית נעבן ירדן, האבן אים קראען געברענגט פון אחאב׳ס הויז ברויט און פלייש אין דער פרי און אין אוונט (סנהדרין קי״ג). ווען דאס וואסער פון טייך האט אויסגעטרוקנט, ווייל עס איז ניט געגאנגען קיין רעגן, האט ער זיך באהאלטן אין א דארף ביי אן אלמנה. אין איר שטוב איז ניט מער געווען ווי א ביסעל מעל און אויל, האט אליהו צו איר געזאגט — מאך צו ערשט פאר מיר א קליין קיכעל און דערנאך פאר דיר און דיין קינד, וועט דאס מעל אין קריגעל און דער אויל אין פלעשעל ניט וויניקער ווערן ביזן טאג ווען דער אלמעכטיקער וועט געבן רעגן... אז דאס קינד פון דער אלמנה איז פלוצים געשטארבן האט ער עס צוריק לעבעדיק געמאכט... (מלכים־א י״ז) און אזוי איז די גאנצע נבואה׳שע געשיכטע פון אליהו התשבי פול מיט דערציילונגען פון זיינע אותות און מופתים, ביז א פייערדיקער פערד און וואגן האט אים לעבעדיקערהייט



אוועק געפירט אין הימעל אריין (מלכים־ב ב׳).

און זיין תלמיד אלישע בן שפט איז דערהויבן געווארן צו זיין דער מנהיג פון די נביאים ווייל ער האט געשפאלטן דעם ירדן מיט אליהו׳ס מאנטעל און איז א דורך געגאנגען אין דער טרוקעניש. דאס וואסער פון יריחו — וואו ער האט זיך אויפגעהאלטן — איז געווען פארגיפטיקט, ווער עס האט דערפון געטרונקן איז געשטארבן, האט ער גענומען א ניי פלעשעל, אנגעפילט עס מיט זאלץ און אריינגעווארפן אין קוואל איז דאס וואסער ריין געווארן. פון יריחו איז ער געגאנגען קיין בית אל, אויפן וועג האבן קליינע יינגלעך געשפעט פון אים, האט ער זיי געשאלטן, זענען ארויסגעקומען פון א וואלד צוויי בערן און האבן פארצוקט צוויי און פירציק פון זיי )מלכים־ב ב׳). אזוי האט אויך אלישע בן שפט זיין גאנצן לעבן געוויזן אותות און מופתים, און ווען ער איז געשטארבן האט מען צופעליק אן אנדערן טויטן אריינגעווארפן אין זיין קבר, איז דער טויטער לעבעדיק געווארן (מלכים־ב י״ג).

פארשטייט זיך מען וועט פרעגן — פארוואס האבן די נביאים פון מלכות יהודה ניט געוויזן קיין אותות און מופתים, און די נביאים פון מלכות ישראל האבן יא געוויזן אותות און מופתים? דער תירוץ איז, הגם די נביאים פון מלכות ישראל זענען געווען נביאי אמת, אזוי ווי די נביאים פון מלכות יהודה דאך איז געווען אן אונטערשיד צווישן זיי „בהרחקת הצורה״: אין דערווייטערונג פון אפבילדונגען (ספר הכוזרי מאמר־ד י״ג). די נביאים פון מלכות יהודה האבן געהאלטן, אז דער פארבאט פון „לא תעשה לך פסל וכל תמונה״ (שמות כ׳, מיינט צו זאגן — אפילו ניט פון די אטריבוטן, וואס ווערן בפירוש צוגעשריבן דעם אלמעכטיקן אין תורת משה. און די נביאים פון מלכות ישראל האבן געהאלטן, אז פון אלמעכטיקן טאר מען ניט מאכן קיין אפבילדונגען, אבער פון זיינע אטריבוטן, וואס ווערן אים צוגעשריבן אין תורת משה, מוז מען מאכן, כדי צו ווייזן דעם פאלק בילדלעך די אותות און מופתים פון יציאת מצרים און אנדערע.

דער עגל, וואס די בני ישראל האבן געמאכט אין דער מדבר, איז טאקי געווען אזא אפבילדונג פון דעם כח און די ענערגיע מיט וועלכער די בני ישראל זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים. צייגענדיק אויף דעם בילד האבן די מאכער גערופן צום פאלק, — „אלה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים״: די זענען דיינע אלמעכטיקע ישראל וואס האבן דיך אויפגעברענגט פון לאנד מצרים (שמות ל׳ ב). און אזוי זענען אויך די עגלי־זהב, וועלכע ירבעם בן נבט האט אויפגעשטעלט אין בית אל און אין דן, געווען אפבילדונגען פון דער מצרי׳שער באפרייאונג, אויך ער האט געזאגט צום פאלק — „הנה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים״: דא זענען דיינע אלמעכטיקע ישראל וואס האבן דיך אויפגעבראכט פון לאנד מצרים (מלכים־א י״ב). דער נביא אחיהו השילוני האט געגעבן זיין הסכמה אויפצושטעלן די בילדער אדער מאנומענטן פון די אותות און מופתים (סנהדרין ק״ב), אליהו התשבי האט זיי ניט פארניכטעט, הגם ער איז געווען דער גרעסטער קנאי קעגן געצענדינסט

(מלכים־א ט״ח), און אויך זיין תלמיד אלישע בן שפט האט זיי ניט צושטערט, בעת ער איז געווען אין בית אל. מען מוז דעריבער אננעמען אז די נביאים פון מלכות ישראל האבן פארטייטשט די אטריבוטן פון אלמעכטיקן אין תורת משה ווערטערליך און האבן געגלויבט אין אותות און מופתים.

פאקטיש האט די אפבילדונג פון אותות און מופתים געפירט צו געצענ־דינסט. דער תהלים פאעט זאגט וועגן עגל, וואס די בני ישראל האבן געמאכט אין דער מדבר, — „וימירו את כבודם בתבנית שור אכל עשב״: זיי האבן פארוועקסעלט זייער כבוד (דאס הייסט: דעם כח און די ענערגיע וואס דער אלמעכטיקער האט זיי געגעבן זיך צו באפרייען פון מצרים) אין א מאנומענט פון אן אקס, וואס עסט גראז. „שכחו אל מושיעם עשה גדלות במצרים״: האבן זיי פארגעסן דעם אלמעכטיקן זייער העלפער, וועלכער האט געטוען גרויסע זאכן אין מצרים (תהלים ק״ו). דאס הייסט: זיי האבן ניט געוואלט צו־שרייבן די באפרייאונג פון מצרים צום מענטשס כח און ענערגיע, וואס דער אלמעכטיקער האט אים געגעבן, האבן זיי געמאכט אן אפבילדונג פון אלמעכ־טיקן׳ס כח און ענערגיע, האט דאס פאלק מיט דער צייט פארגעסן דעם אלמעכ־טיקן און פארהייליגט די אפבילדונג. ווי מען געפינט דאס ביי גדעון, — א דאנק דעם העלדענמוט און די חכמה וואס דער אלמעכטיקער האט געגעבן צו גדעון, (שופטים ו׳ — „לך בכחך זה והושעת את ישראל״...) איז אים געלונגען מיט דריי הונדערט מאן צו פארניכטן אן ארמיי פון הונדערט און צוואנציק טויזענט געשולטע סאלדאטן און באפרייען ישראל. ער האט אבער געמאכט א מאנומענט פון א גאלדענעם אפוד אין זיין שטעדטעל עפרה צום אנדענקן פון דעם נצחון, איז דער דענקמאל פארוואנדעלט געווארן אין אן עבודה זרה (שופטים ח׳) און אזוי איז אויך געווען דער סוף מיט די עגלי זהב פון ירבעם בן נבט, — ער האט זיי אויפגעשטעלט אלץ מאנומענטן פון די אותות און מופתים, וואס זענען געשעען אין מצרים, מיט דער הסכמה פון דעם נביא אחיהו השילוני, אבער אחיהו השילוני האט זיך טועה געווען, די עגלי זהב זענען שפעטער געווארן פארגעטערט (סנהדרין ק״ב — „ואף אחיהו השילוני טעה וחתם״). דעריבער האבן די נביאים פון מלכות יהודה ניט געוואלט איינגעווינען דאס פאלק צו גלויבן אין אותות און מופתים. — „ומאותות השמים אל תחתו״: פאר די ציי־כענס פון הימעל זאלט איר זיך ניט שרעקן. ווייל די פעלקער וואס האבן מורא געהאט. האבן געמאכט אפבילדער פון זיי און געדינט צו זיי (ירמיה י׳)

אחוץ אליהו התשבי און אלישע בן שפט זענען געווען אין מלכות ישראל נאך אנדערע נביאים, נאר מחמת זיי האבן אויך נביאות געזאגט אין מלכות יהודה, איז זייער אופן פון נביאות געווען אזוי ווי פון די נביאים אין מלכות יהודה — זיי האבן איבערגעגעבן די רייד פון אלמעכטיקן און ניט געוויזן קיין אותות און מופתים. די ערשטע פון די נביאים ווערן, ווי אליהו און אלישע, דערמאנט אין ספר מלכים, און הגם יעדער פון זיי האט פארשריבן זיין נבואה׳שע געשיכטע אין א באזונדערן ספר, זענען אלע נבואה׳שע ספרים פארלוירן געגאנגען בעת׳ן חורבן פון מלכות ישראל, אזוי ווי דער ספר דברי הימים למלכי ישראל (דברי



הימים־ב ט׳, מלכים־א ט״ו). ערשט נאכן חורבן פון מלכות ישראל, דאס הייסט: לערך דריי הונדערט יאר נאך שמואל הנביא, האט חזקיהו מלך יהודה און זיינע מיטהעלפער אנגעהויבן צונויף זוכן די אלטע ספרים, זיי האבן צוריק געפינען משלי, שיר השירים און קהלת פון שלמה המלך און אויך פארפאסט די נביאות פון ישעיה הנביא. דערנאך האט ירמיה צוריק געפינען דעם ספר מלכים, וואו ער האט בייגעשריבן די פאסירונגען אין מלכות יהודה ביזן חורבן, און האט פארפאסט זיינע אייגענע נביאות, ווי אויך זיין עלעגיע איכה. און נאך דער גאולה פון בבל האבן די אנשי כנסת הגדולה צוריק געפינען און פארפאסט די נביאות פון די ניין נביאים — הושע, עמוס און אזוי ווייטער — ווי אויך די נביאות פון יחזקאל, דניאל און די לעצטע דריי נביאים חגי, זכריה און מלאכי (בבא בתרא י״ד). אזוי זענען, א דאנק די איניציאטיווע פון חזקיהו מלך יהודה און אנדערע, ניט פארגעסן געווארן די נביאים און זייער היסטארישע מיסיע.

(המשך קומט)

---

ש. י. הארענדארף

## א לאנדאנער יידישער חלום...

— 1 —

נאך חצות, ווען דער וועלטלעכער קאלענדאר האט אנגעוויזן אויפן נייעם יאר 1959, האט זיך מיר געחלומט וועגן „יידישן לאנדאן״ — אין 42 יאר ארום...

איבער די גאסן פון לאנדאן האט, אין א פארנעבלטן יאנואר נאכמיטיק, פונעם נייעם יאר 2.001, זיך געצויגן א שווארץ־אנגעפארבטע אויטא־עגלה, וואס האט געפירט צו דער אייביקער רו דעם שרייבער פון די דאזיקע שורות...

קיין איינציקער פון מיינע לאנדאנער יידישע פריינט האט ניט באגלייט דעם איינזאמען יידישן פען־מענטש אויפן עולם האמת, ווייל איך האב געהאט די גרויסע זכיה — צו שטארבן מיט א נאטירלעכן טויט, אינעם עלטער פון 101 יאר...

היות ווי איך האב אין מיין צוואה בפירוש אנגעזאגט, אז מיין גוף זאל ניט פארברענט ווערן אין א קרעמאטאריע, איז נולד געווארן די שאלה: אויף וועלכן יידישן בית־עולם זאל מען מיך מקבר זיין? דעם אמת געזאגט, בין איך ביי מיין לעבן ניט געווען שוה־בשוה מיט די לאנדאנער יידישע ארגאני־זאציעס, און מיט זייערע „בעריאל סאסייטיס״, מהאי־טעמא בין איך אויך ניט געווען קיין מיטגליד פון זייערע חברות. אבער א מת מוז מען דאך קובר זיין, האבן די עסקנים פון א געוויסער לאנדאנער „חברה קדישא״ געפסקנט, אז מ׳זאל מיך מקבר זיין ערגעץ נעבן א פלויט־און פטור פון אן עסק!

אבער ווען דער סעקרעטאר פון דער חברה „חסד של אמת״ האט זיך דער־ווּוסט פון מיין שרייבערישן יחוס האט ער אויסגעפועלט, אז מען זאל מיר געבן א „בכבודיקע קרקע״ אין שכנות פון מיין ידיד־נפשי, דעם דיכטער א. נ.

שטענצל, וועלכער איז נפטר געווארן מיט עטלעכע וואכן פריער פאַר מיר, און איך האב ביי זיין קבר געזאגט קדיש.

אט דער דאזיקער זכות איז מיר בייגעשטאנען און איך בין געווארן א נאענטער, „לעבנס־לענגלעכער״ שכן פון שטענצלען, ביז מיר ביידע וועלן, מערצעהאשעם, אויפשטיין תחית־המתים...

— 2 —

ווען דער שווארצער אויטא־וואגן האט מיך געפירט אויפן בית־עלמין, האב איך ממש ניט דערקענט די יידישע גאסן פון ווייטשעפל, וואס האבן אמאל מיט 60 יאר צוריק, בעת מיין קומען קיין לאנדאן, געשפרודלט מיט יידיש לעבן. עס האבן מער ניט עקזיסטירט די שולן און בתי־מדרשים, וועמענס „מעמבערס״ פלעגן יעדן מוצאי־שבת פראווען די טראדיציאנעלע מלוה־מלכות; ווו די דרש־נים האבן „געספיטשעוועט״ אויף חצי־ענגליש און אויף א צעבראכענעם יידיש־פאר יוצא וועגן...

אויפן ארט וואו עס האט אין משך פון א קנאפן האלבן יאר־הונדערט געקיניגט דאס לאנדאנער יידישע טעאטער, איז געשטאנען א ניי־אויפגעבויטער בנין אין וועלכן עס האבן געוווינט לויטער נעגערס. מ׳האט בכלל ניט געזען קיין ייד אין ווייטשעפל! דער דאזיקער באצירק, וואס האט אין משך פון א קנאפן יאר־הונדערט געגאלטן ווי די מעטראפאלע פון לאנדאנער יידישקייט, ווו עס האט געראַעט יידיש לעבן און עס האבן געגעסטיקט כל־ערליי יידישע פאריינען, צדקה־חברות, נאציאנאלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, יידישע צייטונגען, זשורנאלן, מיטן יידישן טעאטער בראש, — האבן מער ניט עקזיס־טירט!

פון צייט צו צייט האט מען יא געזען א „יידישן מענטש״, מיט א קורץ געשוירן בערדל („פרנסה בערדל״, האט מען דאס גערופן), ווייל דאָס אזוי גערופענע „ספיוו״־בערדל איז א סגולה פאר א בכבודיקער כלי־קודש פרנסה...

יידיש לאנדאן איז, אינעם יאר 2.001 געווען ממש אויסגעליידיקט פון יידישקייט! דאס „דזשואיש קראניקל״ איז נאך אלץ דערשינען. אבער, די סקאנ־באווע „פרשה פון דער וואך״, האט אין יענע יארן געליווערט א „רעווערענד״ פון דער באפטיסטישער קירכע, ווייל די יידישע „ראביים״ האבן ניט געקאנט קיין שייטל עברי, במחילה...

— 3 —

ס׳איז געווען א ביטערער, אומהיימלעכער חלום פון „יידיש לאנדאן״, אינעם יאר 2.001! די השגחה האט מיך טאקע מזכה געווען מיט א טיפער, 101 יאריקער זקנה. אבער צוזאמען מיט מיין זקנה איז אויך פארשוואונדן געווארן יעדער סימן פון לאנדאנער יידישקייט!

אין א געוויסער לאנדאנער רעפארם־סינאגאגע האט מען איינגעפירט אזא „מנהג״: אין די שבתים האט מען געהאלטן א „רעליגיעזן סערמאָן״ פאר די „רזשוס״, און אין די זונטיק־טעג האט מען געהאלטן א „סערמאן״ פאר די „קרישטשענס״...



משה רבנות לוחות האבן געמאכט „יד־אחת״ מיטן צלם להבדיל, כמו א רעליגיעזן „דזשענטעלמען אַגרימענט״... עס איז מקוים געווארן דער רצון פון די רעפארם־ראביים, אין הסכם מיט זייער קאנצעפציע״, אז „דאס אכלען „בשר־קוויטש״ (חזר, בלע״ז), איז ניט קיין חטא, נייערט א „פראגע פון געשמאק״...

לויט זייער „הכשר״ מעגן, הייסט עס, די יידן פרעסן דבר אחר!...

די ביידע לאנדאנער יידישע דרוקערייען „נאראָד פרעס״ און „סופיריער פרינטערס״ האבן פארקויפט זייערע יידישע שריפט „אויפן שמעלץ״, ווייל די לאנדאנער יידן האבן מער ניט גערעדט און ניט געלייענט קיין יידיש.

אפילו די תלמידים פון די לאנדאנער יידישע „דעי סקולס״ האבן ניט גע־קאנט אונטערשיידן דעם חילוק פון א יידישן אות און א פרעמד־שפראכיקן אלף־בית. און ווען זיי האבן באדארפן שטעלן א מצבה נאך זייערע עלטערן, האט מען געמוזט זיך ווענדן צו א ענגלישן פראפעסאר פון לינגוויסטיק, אז ער זאל פאר זיי אויפצייכענען די נייטיקע העברעאישע אותיות פאר דער מצ־בה...

די יידישע „בר־מצווה״ בחורימלעך האבן זייערע „תפילות״ געזאגט פון א ענגלישן „סידור״, און דער „בעל־קורא״ האט אריינגעקוקט אין דער ספר תורה, ווי א האָן אין בני־אדם אריין...

די לאנדאנער „קילע קדושה״ איז געווארן נאכמער פארגויאישט, ווי זי איז איצט!

אין דער „באארד אוו דעפיוטיס״ זענען געווילט געווארן פרויען אלס פר־נסים, ווייל די מענער זענען געווען „ביזי״ מיט זייערע עסקים. אין געוויסע יאהודישע טעמפלען זענען נשים געווען די „רעווערענדס״ און די נושא־כלים פון דער „דזשואיש רעלידזשען״...

— 4 —

...ווען איך האב מיך אויפגעכאפט פון מיין אויסטערלישן חלום, האט מיין גוף זיך געווייקט אין שווייס... אבער איך האב אלץ געזען אזוי קלאָר און בולט, ווי עס וואלט טאקע געווען מיט 42 יאר שפעטער, אינעם יאר 2.001...

איבעריקנס: נאכוואס אפווארטן ביזן יאר 2.001? צי איז דען דאס איצטיקע יידישע לעבן אין לאנדאן ניט קיין געטרייע אפשפיגלונג פון מיין קאשמארן חלום? צי דערנענטערן מיר זיך ניט צו דער תקופה פון דעם, וואס איז פריער דערציילט געווארן? דארף מען דען ערשט חלומען, כדי צו זעען די ביטערע יידישע ווירקלעכקייט אין לאנדאן, און מסתמא אויך אין די אנדערע לענדער פון אונזער גרויסער צעשפרייטקייט.

ווייסן מיר דען ניט איצט, אז אין א האלבן יאר־הונדערט ארום וועט מען אויף די לאנדאנער יידישע בית־עלמינס מקבר זיין יידישע מתים אָן א קדיש, ווייל די קינדער, קרובים און פריינט פון די פארשטארבענע וועלן זיין אזוי פארגויאישט, אז זיי וועלן אפילו ניט וואגן זיך אונטער צו נעמען צו זאגן די

שווערע קדיש־עברי...

בכן: איבער „הונדערט יאר ארום", ווען מיר וועלן מוזן מאכן דעם „לעצטן גאנג" וואלט כדאי געווען, אז צוזאמען מיט אונזערע ווידוס זאלן מיר אויך זאגן קדיש נאך זיך גופא... זיך אליין באזארגן מיט מצבות און מיט די נייטיקע אויפשריפטן אויף די מצבות, ווייל אונזערע יורשים וועלן „ניט האבן קיין צייט" זיך צו פארנעמען מיט אזעלכע ענינים.

די צוקונפטיקע יידישע דורות וועלן ניט וויסן, מיט „וואס מען עסט" א „יתגדל, ויתקדש שמה רבא"...

יאָ, רבותי. אזוי וועט אויסזען דאס „יידישע לאנדאן" אין א 50 יאר ארום...

1־טער יאנואר, 1959.

## ר. היישעריק-פוקס

## א הארבסט-ליד

ס׳ווערן גאסן פול מיט בלעטער,
געל־פארוועלקטע און פארשמאכט;
ווינט פון פלאנקן רייסט די ברעטער —
פייפט א לידל צו און לאכט.

אין גארטן אויך די פילע פארבן
פון די בלומען ווערן בלאס,
רויזן האלטן שוין ביים שטארבן,
און דער רעגן מאכט זיי נאס.

ס׳פאלן בלעטער, ס׳פארגייט דער זומער,
מיין הארץ עס בענקט נאך עפעס שטארק...
טריבע טעג מיר ברענגען קומער,
קאלטער ווינט נאר בויגט מיין קארק.

## ווי וויכטיק יידישע ביכער זיינען

„פריינט פון יידיש לשון" האָט געגעבן יצחק באַשעוועס צוויי בענדער „די פאַמיליע מושקאַט פריינט אייזיק גאָלדבערג ווען ער איז געלעגן אין לאָנדאָן האָספיטאַל; האָט ער זיי איבערגעגעבן ווי אַ מתנה צו דער שפּיטאָל־ביבליעטעק. ווי וויכטיק אַזעלכע מתנות זיינען ברענגען מיר אַ טייל פונם בריוו וואָס פריינט גאָלדבערג האָט באַקומען ווי אַ דאַנק־זאָג פונם לאָנדאָנער האָספיטאַל:

„ווי איר ווייסט איז דאָ אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף יידישע ביכער אין שפּיטאָל און אָפט געפינען מיר זיך אין פאַרלעגנהייט בנוגע חלאים וואָס גע־פינען זיך דאָ אַלענגערע צייט. מיר זיינען דעראיבער זייער דאַנקבאַר פאַר דער דאָזיקער העפלעכער און ברייט־האַרציקער מתנה.

די צוויי פיינע יידישע ביכער וועלן זיין פון גרעסטער וויכטיקייט פאַר אונזער ביבליאָטעק".



ד. גאלדינגער

## מיין לעבן און שטערבן *

(זיכרונות)

פון קאַפּיטל איינס

איך בין געבוירן געווארן דעם. 16־טן מערץ, יאר 1889, אין ווארנע, א קליין שטעטל אין דער ליטע. מען האט מיר א נאמען געגעבן יהושע דוד (שיע דויד); מיין פאמיליע־נאמען איז געווען — טאבאטשניק.

ווען מיין פאטער, ברוך ראובן, איז געשטארבן, בין איך אלט געווען איין יאר מיט וואכן. מיין מוטער, גרונע האט זי געהייסן, איז געבליבן א יונגע אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער: איך און א שוועסטערל, וועלכע איז געווען עלטער פון מיר מיט צוויי און א האלב יאר. און מיין מוטער האט איינע אליין געמוזט דערנערן אירע צוויי קליינע קינדער.

מיר האבן געהאט קרובים, נאָר ווי געוויינלעך, האָבן זיי זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס.

כדי אונדז צו קענען דערנערן, האט מיין מוטער געמוזט ארבעטן שווער און פארן ביסל געלד, וואס זי האט אפגעשפאָרט, האט זי געקויפט פרוכטן און דאס פארקויפט אויפן מארק. מיין שוועסטער האט אכטונג געטאן אויף מיר.

לויט מיין מוטער פלעגט מיר דערציילן, האט זיך ביי מיר גאר פרי אנגע־הויבן צו אנטוויקלען א געפיל פון וועלן לעבן אייביק; איך בין דעמאלט אלט געווען קוים פינף יאר.

איך האב געהאט א חברטע, צביה־בינקע, זי איז געווען פון זעלביקן עלטער וואס איך. איינמאל האבן מיר זיך געשפילט מיט א פערדל, וואס איך האב גע־האט געפונען. איז געקומען צו לויפן א ייִנגל און אויסגעריסן דאס פערדל מיט א געשריי:

— דאס איז מיינס, דאס האט מיר מיין טאטע געבראכט!

ס׳איז געווען דאס ערשטע מאל ווען איך האב דערהערט דאס ווארט טאטע.

מיט א געוויין בין איך אוועק אַהיים און מיט א געשריי בין איך צוגעלאפן צו דער מאמען מיינער:

— מאמע, מאמע, איך האב א טאטן? בערעלען האט דער טאטע געבראכט א פערדל! מיין טאטע איז א שלעכטער, ער ברענגט מיר גארנישט!... מיין טאטע איז א שלעכטער, א שלעכטער...

די מאמע האט גענומען מיך איינשטילן:

— שא, שא, מיין קינד, דיין טאטע איז ניט געווען קיין שלעכטער, נאָר ער איז געשטאָרבן...

— וועט ער קיינמאל נישט צוריקקומען?

* מיר דרוקן צוויי קאַפּיטלעך, פון אַ בוך זכרונות וואָס איז געבליבן פון דעם איצט פאַרשטאָרבענעם אַרבעטער־טוער די גאָלדינקער.—ד.ר.

— יא, יא מיין קינד, אוודאי וועט ער צוריקקומען, אם ירצה השם, איבער הונדערט יאר ארום ווען משית וועט קומען. ווען מיר אלע ווען שטארבן און נאך דעם ווידער צוריק לעבעדיק ווערן. יענע, וואס וועלן קענען גוט לערנען וועלן לעבן אייביק . . .

— וועט מיין טאטע אויך קומען ? און וועט ער ברענגען א פערדל ?

— יא, מיין קינד, — האט מיר געענטפערט מיין מאמע.

איך בין אוועק מיט פרייד צו די קינדער און גערופן :

— ווארט, ווארט, איבער הונדערט יאר ארום, ווען משיח וועט קומען, וועל איך אויך האבן א פערדל און איך וועל זיך קענען שפילן מיט צביה־בינקען.

פון יענער צייט אן איז מיר אויך פארבליבן דער געדאנק, אז ווען איך וועל קענען לערנען, וועל איך נאכן טויט, ווען משיח וועט קומען, לעבן אייביק . . .

## פון קאפיטל : „מיין קאזארמע לעבן״ :

נאכן טויט פון צאר אלעקסאנדער דעם צווייטן, בעת עס איז פארגעקומען די באפרייאונג פון די פויערים.

ערב דעם דאזיקן יום־טוב האט מען גערוימט און גערייניקט די קאזארמעס און זיך אליין אויך. די סאלדאטן האבן באקומען צוגעטיילט וורשט, שפעק און ווייס ברויט. דעם אנדערן טאג איז מען געשלאפן ביז שפעט אויפן זייגער. מען האט נישט באפוילן צו טאן קיין שום ארבעט, נאר מ׳האט זיך אויסגעפוצט אין ריינע סאלדאצקע מלבושים און מען האט זיך גענומען עסן און טרינקען פארקאכטע טיי. מען האט אונדז דאן מיטגעטיילט אז מיר וועלן נישט קענען ארויסגיין, ווייל נאטשאלסטווע דארף קומען אונדז באגריסן.

צו דער באשטימטער צייט איז אנגעקומען דער באטאליאן־קאמענדאנט. ער האט אונדז באגריסט און מיר האבן אים געענטפערט. באלד דארויף האט ער געפרעגט :

— צי ווייסט איר וואס־פארא יום־טוב היינט איז ?

קיינער האט נישט געענטפערט . . .

— ווער פון אייך ווייסט וואס פארא יום־טיב עס איז היינט ? — האט ער איבערגעפרעגט.

— איך ווייס ! — האב איך געענטפערט. — היינט איז דער יום־טוב צום אנדענק פון דער באפרייונג פון די פויערים און אין אט דעם טאג איז געשטארבן אונדזער צאר אימפעראטאר אלעקסאנדער דער צווייטער !

— גוט, כאראשא ! — און ער פרעגט ווידער :

— ווער פון אייך ווייסט מיט וואס פאר א טויט ער איז געשטארבן ?

עס איז געווען שטיל און קיינער האט נישט געענטפערט ? איך האב מיך דאן ווידער אפגערופן :

— א מענטש האט געווארפן א באמבע און אים דערהארגעט !

ווען דער קאמאנדאנט האט דערהערט דאסווארט „מענטש״, האט ער א טופע געטאן מיטן פוס און אויסגעשריגן :



— מערזאוויעץ ! באמבו בראסיל ! און איז אוועקגעגאנגען. מען האט באפוילן אז מיר זאלן זיך צעגיין. די אפיצירן זענען פארשוואונדן און מיר זענען געגאנגען מיטאג עסן.

בייטאג זענען די עלטערע סאלדאטן אוועק אין שטאט־אריין און מיר די יינגערע זענען געבליבן אין ראטע.

מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען אין א ווינקל, גערעדט צווישן זיך. מיין אדעלען, וועלנדיק אויסנוצן די געלעגנהייט קעגן מיר, האט גענומען אפט פארבייגיין, ווען ער גייט פארביי מוזן מיר זיך שטעלן, נאך עטלעכע מאל פארבייגיין הערן מיר אויף זיך צו שטעלן. ער קומט דאן צו צו מיר, באפעלט מיר זיך שטעלן און זידלט מיך „זשיד, זשיד, זשידאווסקאיא מארדא !״ און געברויכנדיק די שמוציקסטע ווערטער. נאכדעם איז ער אוועקגעגאנגען פון אונדז און מיר זענען זיך אויך פאנאנדערגעגאנגען, יעדער ביי זיין בעטל. איך האב זיך געלייגט אויף מיין בעטל, אבער ער געפינט מיך אויס און באפעלט מיר זיך שטעלן און חזרט איבער די גאנצע סצענע און איז אוועק. איך בין ארויס פון מיין ראטע צו אן אנדער ראטע צו א פריינט און בין געקומען צו פאווערקע. נאכדעם איז מען געגאנגען שלאפן און דא האב איך שוין געהאט רו. אויף מארגן אין דער פרי בין איך צו אים צוגעגאנגען (ס׳איז געווען מיין אדעלאני) און דערקלער אים, אז איך וויל זיך באקלאגן אויף אים און זאל דערלנגען העכער ביז צום ראטנעם, פארן נעכטיקן טאג, פאר באליידיקונג און פייניקונגען. ער האט דאס געמוזט דורכפירן. שפעטער האט מיך גערופן דער פעלדפעוועל און האט מיך געפרעגט צי וויל איך מיך באקלאגן און פאר וואס. האב איך אים ווידער דערקלערט אז ער האט מיך געמוטשעט און באליידיקט א גאנצן טאג און באליידיקט מיר און מיין נאציע.

— מיט וואס האט ער דיך אזוי באליידיקט ? — פרעגט ווידער דער פעלטפעבעל.

— ער האט מיר געזאגט : זשיד, זשידאווסקאיא מארדא !

דערהערנדיק דאס לאכט ער פון מיר און ווייזט ווי נאריש איך בין, דער ראטנער אליין — זאגט ער צו מיר — באנוצט אויך די זעלביקע ווערטער מיט גוטן און מיט בייזן, און דו גייסט זיך פאר אים באקלאגן. איך בין געבליבן ביי מיין פאדערונג. ס׳האט ניט געדויערט לאנג און דער ראטנער קומט, מען גיט א קאמאנדע און דער פעלדפעבל גייט צו מיטן ראפארט און צווישן די ראפארטן איז אויך געווען מיין קלאגע. דער ראטנער האט מיך טאקע באלד גערופן און געפרעגט מיט וואס מען האט מיך באליידיקט, אויף וואס איך האב אים אלץ דערקלערט. נאכדעם האט ער גערופן באגאמאלאוון, אויף וועמען איך האב געמאכט די אנקלאגע. יענער איז צוגעגאנגען א דערשראקענער. — „האסט אים געמוטשעט ״ „יא !״ „האסט אים געזידלט ?״ „יא״ „וויאזוי ?״ „זשיד, זשידאווסקאיא מארדא !״ און ווי נאר ער האט דערהערט פון אים אט די ווערטער האט ער א טופע געטאן מיטן פוס מיט א געשריי און געברויכט די שמוציקע ווערטער קעגן אים : און ווער ביסטו מוזשיק ? ! און נאכאמאל די ווערטער : איך

זאל דאס מער אין מיין ראטע ניט הערן! דאס איז געווען א באפעל. נאכדעם ווען זיין כעס איז איבערגעגאנגען האט ער דערקלערט: אייגנטלעך, איז דאס ווארט זשיד" ניט קיין באליידיקונג, לויט זיין מיינונג. דאס ווארט „זשיד", דערקלערט ער ווייטער, קומט פון „זשידאיוט", וואס מיינט „ווארטן", די יידן ווארטן אויף א משיח און דערפאר רופט מען זיי זשיד! אבער, פון וואנעט, מוזשיק, קענסטו דאס וויסן? מער זאל איך דאס ניט עס ניט הערן! נאך דער געשיכטע בין איך פון אלעמען מער רעספעקטירט געווארן.

## יוסף הלל בארנשטיין

# אן ארויסגעריסן בלעטל געשיכטע פון יידישן לעבן אין אמסטערדאם

די יידישע געשיכטע אין האלאנד איז שוין עטלעכע הונדערט יאר אלט. זי הייבט זיך אן, הויפטזעכלעך, מיטן אהערקומען פון פארטוגעזישע יידן און מאראנען, וועלכע האבן, אין זייער ווייטערדיקער אנטוויקלונג, געהאט א זער גרויסע באטייטונג. באקאנט זענען זייערע גרויסע פיגורן, ווי מנשה בן־ישראל, יצחק אבוהב, דער חכם צבי; און פון דער אנדערער זייט דער גרויסער פילאזאף ברוך שפינאזא, אוריאל דאקאסטא — טרויעריק באריִמט דורכן חרם אויף זיי ביידע.

וועגן דער דאזיקער געשיכטע איז איצט נישט מיין אויפגאבע צו רעדן. כ׳וויל דערציילן וועגן דער נאנטער יידישער געשיכטע בנוגע דער אימיגראציע פון יידיש־ריידנדיקע מענטשן.

אביסעלע שפעטער, נאך די שפאניש־פארטוגעזישע יידן, זענען אויך אהערגעקומען אשכנזישע יידן, וואס זייער לשון איז געווען יידיש־טייטש, זער ענלעך צו אונזער יידיש. ביסלעכווייז זענען זיי געווארן די מערהייט אין דער האלענדישער קהלה, אזוי, אז אויף די יידישע גאסן האט די מאסע גערעדט יידיש. נאר מיט אן ערך נייִנציק יאר צוריק האט מען זיך אנגעהויבן צו אסימילירן. אמת, עס איז געבליבן א גרויסער קערן פרומע יידן, אבער די יידישע שפראך איז לגמרי אונטערגעגאנגען. פאר דער לעצטער וועלט־מלחמה האט מען נאך געקאנט הערן יידן זקנים רעדן „מאמע לשון" — אזוי האבן זיי אנגערופן די שפראך.

פונם אנהויב צוואנציקסטן יארהונדערט האבן אנגעהויבן אריינקומען יחידים פוילישע יידן, נאר קיין יידיש־בנין האבן זיי נישט אויפגעבויט. זיי זענען געווען צו ווייניק אין צאל, אז זיי זאל קענען עפעס אויפטון.

אין יאר 1914, נאכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, קומען אן „די ערשטע עליה", א כוואליע אנטלאפענע יידן פון אנטווערפן. אין בעלגיען האט מען זיי גערודפט, מחמת מען האט זיי געהאלטן פאר דייטשן! ס׳רוב זענען



דאס געווען דיאמאנטן־שלייפער אדער הענדלער. בעלגיען איז געווען אקופירט פון די דייטשן, און אינם נייטראלן האלאנד איז געווען א לייכטער לעבן.

די ערשטע סביבה איז געווען די יידישע רעסטאראנען, וואס האבן גענומען וואקסן ווי איבער נאכט. יידן האבן נישט געקענט פארטראגן די האלענדישע מאכלים, די האלענדישע ארט איז נישט געפעלן. אזוי איז שוין דער יידישער רעסטאראן געווארן דער צענטער פונם יידישן לעבן; א בערזע פאר דיאמאנטערן; א קלוב־הויז. מען פלעגט דארט שפילן שאך, ארומגערינגלט פון קיביצער. פון אינעווייניק און אויסנווייניק האט עס אויסגעזען ווי א יידישער יאריד.

פון אט די דערמאנטע יידן איז אין האלאנד כמעט גארנישט פארבליבן. ווי נאר די מלחמה האט זיך פארענדיקט, איז דער עולם צוריקגעפארן קיין אנטווערפן. דאקעגן איז אין די זעלבע יארן, נאכן קריג, אנגעקומען די „צווייטע עליה". אויף פארשיידענע אופנים האבן יידן פון פוילן אהערגעשטראמט, אסך האבן זיך אריינגעשמוגלט, ווייל האלאנד האט זיי נישט אזוי לייכט אריינגעלאזט לעגאל. בכל־אופן, ס׳איז צוגעקומען יידן פון פוילן און גאליציען — יינגע בחורים און מיידלעך; אויך א טייל פון דער שטאט עסען, אין דייטשלאנד, סוחרים פון קליידער. מחמת נאך דער מלחמה איז דארט געווען א קריזיס און ווייל די שטאט איז נעבן דער האלענדישער גרענעץ זענען אסך פשוט דא אריינגעלאפן.

פון אט די צוויי סארטיקע עלעמענטן פארמירן זיך צוויי פאריינען: איינער — דער אסט־יידן פארבאנד, וועמעס הויפט אויפגאבע איז געווען א סאציאלגעזעלשאפטלעכע, פשוט צו שטיצן אין א נויט; און שטיצן האט מען געדארפט אסאך. קיינער האט זיך נאך נישט געפילט זיכער. עמיגראציע איז געווען דאס הויפט־פראבלעם. דער אנדערער עלעמענט איז באשטאנען פון יינג פראלעטאריער פון ווארשע, לאדזש און אנדערע פוילישע שטעט, און האט אנגעהויבן זיך פארפונדעווען אין אמסטערדאם און אין האג. אויך פון דעם עלעמענט האבן אסך ווייטער אויסגעוואנדערט. אבער א באדייטנדיקער טייל איז פארבליבן, באקומען ארבעט ביי שניידעריי, שוסטעריי און אנדערע פאכן. אבער ערשט אין אויגוסט, 1921, האט זיך געגרינדעט דער יידישער ארבעטער קולטור־קרייז אונטערן נאמען „ש. אנ־סקי פאריין".

ווי געוויינטלעך, א יחיד אסימילירט זיך שנעל באין ברירה אחרת, אבער ווי באלד ס׳איז געווארן א גרעסערע צאל יידן, האט מען זיך צונויפגעזאמלט. מען האט צווישן זיך געקאנט ריידן יידיש. ס׳איז דאך עפעס א מחיה ווען מען דארף זיך נישט צו צעברעכן די ציין מיטן האלענדישן לשון; דערביי האט מען נאך נישט געהאט קיין רעספעקט פאר אט דער דאזיקער שפראך. וואלט זי געווען א וועלט־שפראך, ווי ענגליש אדער פראנצויזיש, מילא וואלט זיך געלוינט זי צו דערלערנען. אבער האלענדיש — ווער? וואס?

מיר האבן אן אייגענע זיסע שפראך — יידיש, מיט פרץ און שלום עליכמען אויף דער דאזיקער שפראך קאן מען לעבן און האבן א גרויסע גייסטיקע הנאה.

מען האט טאקע באלד באשלאסן צו בויען ווייטער אויפן פויליש־יידישן שטייגער, מען איז באלד צוגעגאנגען צו דער ארבעט. יעדע וואך איז מען זיך צוזאמענגעקומען. קיין אייגענע וואוינונגען האט מען נאך נישט געהאט, ווייל די בחורימלעך האבן דעמאלט געוואוינט אויף מעבלירטע קליינע שטיבלעך, אויף בלויז שלאפן. מען האט אבער געהאט דעם חבר משה לעווענזאן, א קאמאשן־שטעפער, וועלכער האט יא געהאט אן אייגענע וואוינונג. זענען דארט געווען די צוזאמענקונפטן. (אגב, וווינט לעווענזאָן איצט אין לאָנדאָן און שטייט נאָנט צו „פריינט פון יידיש לשון".)

די געזעלשאפטלעכע ארבעט האט געבליט. באלד איז מען צוגעטרעטן צו שאפן א ביבליאטעק. מיט גרויס מסירת נפש האט מען אפגעשפארט א צענט צו א צענט און באשטעלט יידישע ביכער אין פראנקרייך. און אז די צאל איז שוין געווען העכער ווי הונדערט, מוז מען דאך קויפן א שאנק; און אז מען האט שוין א שאנק מיט ספרים, מוז מען דאך האבן א שטוב, וואו די שאנק אוועקצושטעלן. און אזוי איז דאס געוואקסן און געוואקסן.

מיט אט דעם וואקסן איז דער נאמען פון „ש. אנ־סקי פאריין" געוואקסן און געווארן א וויכטיקער באגריף פארן יידישן קולטור־לעבן אין אמסטערדאם.

דאס וואס דער פאריין האט אויפגעטון איז באמת געווען צו באוואונדערן אלץ איז געשטאנען אויף א הויכער מדרגה, ווארום מיט דער צייט האט מען זיך ארומגעקוקט און איינגעזען, אז די האלענדישע שפראך און איר קולטור איז זער א הויכע. מען האט אנגעהויבן זיך שוין אריינצודרינגען אין איר. מען האט זיך געשאפן פריינט צווישן די האלענדישע נישט־יידן. און ווען מען איז ארויסגעטרעטן אין דער עפנטלעכקייט צי מיט א קונסט־אונט צי מיט א ליטערארישן צי מיט א מוזיקאלישן, האט מען זיך געמוזט רעכענען מיט דער האלענדישער געזעלשאפט. יענע האבן דווקא א געזונטן חוש און א זער גוטן געשמאק. מען האט טאקע דערפאר זיך נישט געקאנט נאריש מאכן.

בכדי ארויסצוטרעטן פאר דער עפנטלעכקייט האט מען געמוזט קומען מיט גוטע כחות. איז טאקע געווען די פריינטשאפט מיט די האלענדער זער געוואונטשן. זיי האבן בייגעשטייערט, אז די יידישע אונטערנעמונגען זאלן האבן דעם אמתן דערפאלג.

פון צייט צו צייט האט מען איינגעלאדן רעפערענטן פון אויסלאנד און אויך ארטיסטן. ס'איז געוואקסן א געשמאקע דראמאטישע סעקציע, וואס האט געהאט גרויס דערפאלג.

באזוכט האבן אונז ווייסליץ, מאנסדארף, סיוואק, טורקאוו, אידא קאמינסקא, דינה בלומענפעלד, מלך ראוויטש, סוצקעווער און נאך אנדערע רעפערענטן און ארטיסטן וועמען מען האט אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד אין אמסטערדאם, ווי פרומע יידן שעצן און באהאנדלען זייערס א גוטן ייד.

צוריקקומענדיק אהיים, פלעגן זיי אפשרייבן גרויסע לויב־בריוו מכח דעם יידישן לעבן ביי אונז.



פארטיי־פאליטיק האט מען אין „ש. אנ־סקי פאריין" אויסגעמיטן מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג. פאר דעם האט מען מורא געהאט, ווי פאר פייער; כאטש געווען צייטן, ווען די לינקע האבן געדראט צו ברענגען דעם פאריין צו אן אונטערגאנג. עס איז אבער תמיד געלונגען זיי צו האלטן אין צוים און צו באהערשן די סיטואציע.

ס'איז אויך געווען א פרואוו ארויסצוגעבן א געדרוקטע יידישע צייטונג, נאר ס'האט געפעלט סאי א דרוקער סאי אותיות. האט מען זיך באגנוגנט מיט ארויסגעבן א העקטאגראפירטע צייטונג. עס האט אבער געקאסט צופיל מי און ארבעט, אזוי, אז מען האט נישט געקאנט אנגיין מיט דער זאך. דערנאך האט מען געשאפן א צייטונג פון לעבעדיקן ווארט, פארגעלייענט פון די שרייבער גופא אויף באשטימטע אוונטן.

אזוי האט געבליט דאס יידישע קולטור־לעבן און באקומען א נאמען אפילו אין אויסלאנד. דערווייל האבן די אמאליקע בחורים חתונה געהאט, באקומען קינדער, און די עקאנאמישע לאגע האט זיך אויך געבעסערט. די אמאליקע בחורים זענען שוין געווארן גוט־סיטואירטע בעלי־בתים, אָבער מען האט דעם יידישן פאריין נישט פארלאזן. די יוגנט איז אונטערגעוואקסן און האט שוין גערעדט האלענדיש. דא האט דער פאריין זיך פלוצים געזען פאר א נייע פראָבלעם: מיר טארן נישט פארלירן אונזער יוגנט.

האט זיך געשאפן א „יינג־אנ־סקי", וואס האט אויך אפט ארגאניזירט אוונטן פאר יידישע לידער. איינער פון אט דער אנ־סקי־יוגנט, וואס האט איבערגעלעבט דעם חורבן, איז היינט־צו־טאג א וויכטיקער רעזשיסאר ביי דער האלענדישער טעלעוויזיע.

אָט דאָס פראַכטפולע יידישע קולטור־לעבן אין אַמסטערדאַם איז, צו אונזער גרעסטן ווייטאק, אונטערגעגאנגען צוזאמען מיטן אומקום פון אזויפיל מיליאנען יידן אין אייראפע. עפעס דערפון האט זיך דאך געראטעוועט אין דער שארית הפליטה, וואס לעבט אין שאטן פון אלטן רום אין אמטערדאם.

פון די 120 טויזנט יידן אין האלאנד האבן זיך געראטעוועט קוים פינף טויזנט, וועלכע האבן זיך אומגעקערט פון די קעמפס, ווייניק פון די באהעלטענישן ארויס, נאר א גרויסער טייל פון די געמישטע חתונות. פון די יידיש־ריידנדיקע זענען, בסך־הכל, צוריקגעקומען א 2־3 מנינים. אט דאס איז דער יתר הפליטה פון די מיטגלידער פון „ש. אנ־סקי פאריין".

מיט דער קליינער גרופע האבן מיר דאך ווידער אנגעהויבן א שטיקל יידישע קולטור־טעטיקייט אונטערן אלטן „ש. אנ־סקי" נאמען, וואס איז אונז געבליבן הייליק אין זכרון. א. צופלוס פון די־פיס האבן דעם פאריין אביסל געשטארקט. אין אט דעם קליינעם קרייז גייט נאך אן אונזער באשיידענע ארבעט. נאטירלעך איז אוממעגלעך און, אפשר, אויך נישט נויטיק קיין לאקאל. אבער יעדע וואך האבן מיר א צוזאמענטרעף ביי א צווייטן חבר אין הויז. מיר לייענען יידישע ליטעראטור מיר האלטן אפ דיסקוסיעס איבער יידישע פראבלעמען און איבער דער יידישער צוקונפט.

## יוליאן טוווים

# מיידלאך און בלומען

ווי איר ווייסט, זענען ביי דארפישע בלומען די צווייגן לויז,
רויזן זענען אויך אזוי, ווען זיי וואקסןביים הויז,
זיי שטעקן ניט אין קרישטאלענע וואזאנען אויסגעשטעלט,
ניט אונטער פינקעלדיגע גלעזער אין ווארשע אדער אווו אין דער וועלט,

רויזן שטייגן ניט מיט שטענגלאך הויכע אריבער די וואזאנען,
ווי זיי וואלטן זיך וועלן שלאגן מיט אלעמען און אלעס,
זיי האבן ניט קיין אספיראציעס צו לעבן אין סאלאנען,
זיי יחוסנען זיך ניט אז זיי קומען פון טראַנען,
ניט בלאזן פון זיך און מיט שטאלץ קוקן הויך,
ווי אוועקגעווארפענע און פאררעטענע כלות,
אן שלעכטקייט און אן נאריש אויפגערעגטן כוח.

רויזן האלטן די קעפלעך אראפגעלאזט, ווי ביי א תפילה,
די אויגן האלטן זיי הויך, ווען זיי פילן זיך פארלאזט,
טרויריג תפילהדיק בעטן זיי דאמאלט מחילה.

די אין ווארעמע גלעזער בלומען,
צו ווייסט איר פון וואן זיי קומען ?
זיי זענען ניט פארהאסט און ניט שטאלץ,
גוטינקע נשמות, מיט הארציקע פיטשינקע בלעטלאך,
בלעטלאך געדאכטע און שיינע, אויף דינטשיקן גרינעם האלץ,
סע ליבן זיי, יונגעטשקע שיינינקע מיידלאך,
צום באפוצן און באשיינען, זייערע ווייסע בלוזעס און קליידלאך,

ס׳איז אזוי גוט א רויז א בלומעל אין גלעזל וואסער,
דער ריח איז אזוי אויפרישנד בלימעלדיק, טויאיק־נאסער,
שטענדיק אינעווייניק אין דער בלום אזא מעל־שטויב געלבליך־ווייסער,
פריש און יונג, ווי מיין יונגע שטאט לאדז.

אויף פיאטריקאווער גאס איז פרילינגדיק,
סע פלאטערן מיטן ווינד באבלומטע קליידלאך,
וואס פארא פרייד און שמייכלען פון יונגע מיידלאך,
מיט די צעפ גאלד־בלאנדיקע,

איבערוואַרפן איבער די ארעמס און יאדערדיקע ביוסטן,
שלאנקע לייכטע, ווי די שטענגלאך קארנדיקע, מיט זאמען,
האניקדיק, אטעמדיקע מיט בינען ליבע און מיידלישע לוסטן,
ווי די פאליענדיקע ווינטן, איבער דארפישע קערנער און בלומען.

יידיש : מ. דאמב.



## אליהו פאלושאק

# און די איבריקע ?...

„נאר זיי ווערן אויסגעלייזט, די רעשטווארפט ער פאר די כלבים...״

(י. ל. פרץ „געדאנקען אין דער וועלט אריין״. אינם באנד „געדאנקען און און אידייען״ קלעצקין־פארלאג 1923, ווילנע.)

ס׳איז דאך שטיל אינם יידישן וועלטל. יעדע גרופע און יעדע שיטה האָט זיך אירע מענטשן, אירע פונקציעס, פארזאמלונגען (?) און שמחות, און זיינען גליקלעך אין זייער איזאלאציע, און גלויבן, אז דאס, וואס זיי טוען און ווילן טוען, איז ריכטיק, און דאס, וואס דער אנדערער, צי א יחיד צי א גרופע, טוט, איז פאלש. איך זאג, זיי זיינען גליקלעך אין זייער איזאלאציע, ווארום וואלטן זיי געווען אומגליקלעך, וואלטן זיי דאך נישט באדארפט צו זיין איזאלירט. די מחיצה צווישן איין גרופע יידן און אן אנדערער איז גארנישט אזוי גרויס, און ווען זיי וואלטן נאר געוואלט מקריב זיין אביסל פון פערזענלעכער אמביציע און קליקעשער עקשנות, וואלט עס אביסל איינהייטלעכער און היימלעכער אויסגעזעען אינעם יידישן לעבן אין מלכות ענגלאנד.

איז פלוצים אין מדינת ישראל אויפגעשווומען די פראגע: „ווער איז א ייד ?״ נו, טאקי, ווער איז א ייד ? הער איך פון הינטער מיינע פלייצעס א תשובה פון אמאליקע חברים און קאמף־גענאסן, סיי פון די, וואס די היטלער־רוצחים האבן זיי פאַרטיליקט, און סיי פון די געבליבענע רעשטלעך, זאלן לעבן און געזונט זיין: „א ייד איז דער, וואס איז אלס יידיש קינד אויפגעוואקסן אין אַ יידישער סביבה פון יידישע עלטערן, געלעבט א יידיש לעבן אויפן סמך פון דערציאונג און טראדיציע, און גלויבט אין דער אייביקייט און דער ספעציפיש־יידישער קולטור־מיסיע פונם אלוועלטלעכן יידישן פאלק בכל מקום שהם״. איך גלויב נישט, אז אלע שטרייטענדיקע פארטייען אינם ענין, ווער ס׳איז ייד, וועלן זיין ווייליק איינצוגיין אויף דער דאזיקער פשוטער פשרהדיקער תשובה. פון דער עקסטרעמער ארטאדאקסיע ביז צו „די גלויבענס־גענאסן פון דער מאזאאישער קאנפעסיאן״ וועלן קומען פראטעסטרופן און אויסגעשרייען מחמת עס פעלט די באזונדערע און „איינציקע״ באטאנונג פון דת משה, און עקסטרעמע ציוניסטן, און אסימילאנטן אפילו, וועלן נישט מסכים זיין מיט דער „אלוועלטלעכקייט פונם יידישן פאלק בכל מקום שהם״, און אין זיין ספעציפיש־יידישער קולטור־מיסיע.

עס איז נישט די אויפגאבע פון די דאזיקע שורות דעם ענין צו פארוויקעלן און קאמפליצירטער צו מאכן. להיפוך, דער שרייבער וויל זיך באמיען צו שאפן קלארקייט און גראַדליניקייט אין אן ענין, וואס איז וואנדערש מיט א פאר פשוטע (צו פשוטע און צו נאאיווע) ווערטער געווארן פארפלאנטערט אזש ביז צו...

מיט עטלעכע וואכן צוריק איז דערשינען אן ארטיקלע אין דער „יידישער שטימע״ מיטן טיטל „אפשר פארקערט ?״ (דעצעמבער דעם 12־טן 1958), ווי

דער מחבר באהאנדעלט ענינים, וועלכע האבן א געוויסן שייכות מיט יידיש־לעבן און „עליענס“, וועלכע ווילן זיך נאטוראליזירן אלס בריטישע בירגער. ס'איז אויך אין דער ענגליש־יידישער פרעסע געווארן דערמאנט, אז געוויסע באאמטע פון סקאטלאנד יארד פרעגן דעם קאנדידאט (ווען ער איז א ייד), צי ער איז א ציוניסט, און דער מחבר פרעגט: „וואס פאר א סכנה שטייט פאר דעם אפליקאנט, אויב מען פרעגט אים, צי ער איז א ציוניסט? ענגלאנד גופא האט דאך געמאכט פיל יידן פאר ציוניסטן מיט איר באלפור־דעקלאראציע. און וועלכער ייד איז נישט קיין ציוניסט? קען מען דען אפזונדערן ציוניזם פון יידישקייט? קענען מיר דען אויסשניידן ציון פון סידור, פון תנ״ך און פון תלמוד?“

ווייטער זאגט דער שרייבער פונם ארטיקעל „אפשר פארקערט?“: „דאכט זיך, ווען מען פרעגט א יידן, וואס וויל ווערן נאטוראליזירט, צי ער איז א ציוניסט, דארף ער ענטפערן, אז ער איז א ייד, במילא שוין א ציוניסט“.

אזוי פשוט און איינפאך איז דער ענין גארנישט. צו זאגן, אז ווער ס'איז א ייד, איז במילא שוין א ציוניסט, איז סתם גערעדט דברים בטלים און אומפאראנטווערטלעכקייט, שוין פשוט דערפאר, ווייל עס לעבן היינט צענטויזענטער און הונדערט־טויזענטער יידן אין דער גאנצער וועלט, און אין מדינת ישראל, וועמענס יידישקייט עס קען אין קיין שום פאל נישט ווערן באצווייפעלט; יידן, וועלכע לעבן מיט א יידישן רעליגיעזן אדער קולטור־אידיעאל, שטיין פעסט ווי א מויער פארן קיום פון מדינת ישראל און פאלק ישראל, און באצייכענען זיך נישט פאר ציוניסטן מחמת פארשיידענע טעמים, דער הויפט־טעם זייענדיק די פארלייקענונג און נעגירונג פון יידישע קולטור־שאפונגען אין גלות מצד דעם אפיציעלן ציוניזם.

און צו זאגן, אז יעדער ייד איז א ציוניסט און במילא, ווען דער באאמטער פרעגט דעם אפליקאנט, צי ער איז א ציוניסט, דארף ער ענטפערן: „ער איז א ייד, במילא איז ער שוין א ציוניסט. אויב א ציוניסט איז פסול פאר נאטוראליזאציע, מיינט עס, אז יידן איז פארבאטן צו ווערן בירגער“. אזא מין צוגאנג איז נאריש, און אַ פילפולדיקער שטות, און פארוויקעלט און קאמפליצירט אַן ענין, וועלכער איז גראדליניק און איינפאך.

דער שרייבער פון די שורות האט געהערט פון פארשיידענע פאלן פון נאטוראליזאציע אין דער צייט פון דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל, ווען אפליקאנטן איז געווארן געשטעלט די פראגע, צי זיי זיינען ציוניסטן, און אז די־יעניקע, וועלכע האבן אפגעלייקענט יעדע באציאונג מיטן ציוניזם, זיינען געווארן שנעל נאטוראליזירט. ווי ווייט די געפרעגטע זיינען געטריי געשטאנען צו זייערע אמתע איבערצייגונגען, ווייס איך נישט. לאמיר פארגעסן די פיינלעכע און טראגישע יארן פון דאמאלס (נאר פאר א מאמענט), ווייל זיי האבן נישט קיין שייכות צום איצטיקן פריינטלעכן וויכוח. עס איז פארן מחבר דא מער ווי זיכער, אז עס עקזיסטירט נישט, נישט קיין געזעץ און נישט קיין געזעצלעכע פאראדנונג, וועלכע דערמעכטיקט א באאמטן פון סקאטלאנד יארד



צו פרעגן דעם אפליקאנט, צי ער איז א ציוניסט אדער נישט. און ווען עס וואלט אזא באשטימונג אדער געזעצלעכע פאראדנונג יא עקזיסטירט, האבן מיר דאך עפעס צוויי מנינים יידישע דעפוטאטן אין בריטישן פארלאמענט. זאלן זיי טון דאס, וואס דעפוטאטן אין די פארלאמענטן פון אנדערע לענדער טון: שיצן דעם כבוד און חשיבות פון זייער אייגענער מחנה.

איך וועל דא רעדן פאר מיר אליין. ווען מען וואלט מיך געפרעגט בשעת מיין נאטוראליזאציע צי איך בין א ציוניסט, וואלט איך דעם באאמטן באשטימט און העפלעך געענטפערט, אז איך גלויב נישט, אז די דאזיקע פראגע קען האבן עפעס א שייכות צו מיין צוקונפטיקער בירגער־שאפט אינם פאראייניקטן קעניגרייך. זייענדיק אַ תושב אין לאנד, פיל איך מיך צוגעבונדן צו סביבה און לעבענס־שטייגער, און וועל מיך באמיען צו זיין לאיאל צו לאנד, און פאלק, ווי דאס פארלאנגט פון מיר די מלוכה'שע אויטאריטעט, נישט ווייניקער ווי די אנדערע בירגער, וואס ווינען שוין דא פון קדמונים אן. צי איך בין א ציוניסט אדער נישט — נישט איך וואלט באשטעטיקט, נישט איך וואלט אפגעלייקענט — איך וואלט אויף דער אומבארעכטיקער פראגע פונם באאמטן נישט געענטפערט, און איך גלויב נישט, צי דאס וואלט געשטערט מיין נאטוראליזאציע.

קומענדיק צוריק צום הויפט־ענין, דערמאנען מיר זיך, וואס דער גרויסער פרץ האט מיט א האלבן יארהונדערט צוריק געשריבן איבער די גרויסע פראבלעמען און ווייטיקן אינם יידישן לעבן. סיי די איזאלאציע, דאס וועלן־זיך אפזונדערן, און זיך האלטן פארן „אויבערשטן פון שטויסל“, און סיי דאס וועלן מיט געוואַלט און חוצפה פארכאפן די יידישע גאַס, האט ער אנגערופן ווינקלבויער“, און ער פרעגט: „ווו איז די אלגעמיין־יידישע פאלקס־אידייע?“ עס בויט דער אסימילאטאר אין זיין ווינקעלע, און לייגט די פונדאמענטן פון זיין גליק אוי פרעמד לייטזעליקייט, אויף אַ שאטן פון א שמייכל אויף א פרעמד פנים, און וואונדערט זיך, וואס פון זיינע נעכטיקע פאלאצן זיינע היינטיקע חורבות געווארן“. און דער פרומער ייד? ער בויט „אין זיין ווינקעלע אויף גאטס גענאד און קניט נישט, נאר צוימט. איז דאס יידישע הויז ביי אים אן אלטע חורבה געווארן, נאר א הייליקע, צו וועלכע ער מיט זיינע מענטשלעכע הענט טאר זיך נישט צורירן“. און אויך די לינקע „בויען“ פאר זיך, „ציטערן ווי אַ שד פאר א מזוזה, ווען מען דערמאנט כלל־ישראל, פאלט אין זיבעטן שוויס אריין פאר כלל־ישראל־פאליטיק, און גלאצט מיט די אויגן אין דער צוקונפט אריין, אפווארטנדיק א ספעציעלן פראלעטארישן משיח — — — „נאר זיי ווערן אויסגעלייזט, די רעשט ווארפט ער פאר די כלבים...“ דאסזעלביקע, זאגט פרץ, טוט אויך דער ציוניסט און דער העברייאיש־ריידער. „יעדערער האט זיך פארנומען אין זיין ווינקעלע אריין, זיין ירושלים, זיין מזבח און זיין פאלק, און די רעשט מפקיר געוועז...“ (ציטאטן פון י. ל. פרץ „געדאנקן אין דער וועלט אריין“.)

דאס ארטיקעלע „אפשר פארקערט“ איז אַ ביסל צו נאאיוו, און אין זיין פשטות נישט־שלעכט געמיינט, אבער א צייטונג, א יידישע צייטונג, וואס וויל

זיך וועגדן אין איר אומפארטייאישקייט צו אן עולם פון פארשיידענע ריכטונגען און שיטות, מוז קענען זיין גראדליניק און געטראגן פון אחריות. צו פרעגן: „און וועלכער ייד איז נישט קיין ציוניסט? קען מען דען אפזונדערן ציוניזם פון יידישקייט?" אזעלכע פראגן פאסן נישט אריין אינם ראמען פון אן „אומ־פארטייאישער נאציאנאלער וואכנצייטונג. סער ווינסטאן טשערטשיל און אנדערע ענגלישע פראמינענצן, וואס רעדן אמאל אויף ציוניסטישע דינער־פארטיס, האבן אויך דערקלערט א זיי זיינען ציוניסטן. זיינען זיי דערמיט אויך יידן? און וואס וועט מען טון מיט די יידן, וועלכע זיינען נאציאנאל־און פאלקס־באוווסט, און דאך נישט קיין פארטיי־ציוניסטן? וואס וועלן מיר טון מיט די איבריקע? מיר וועלן זיי באשטימט נישט ווארפן פאר די הינט.

---

## ש. י. דארפזאן

## נייע יידישע ביכער

„שעפט נחת", פון מ. נודעלמאן

„הומאר פון יידישן לעבן אין אמעריקע" — הייסט דער אונטער־טיטול צו מ. נודעלמאנס נייעסטן בוך, וואס איז מיט עטלעכע וואכן צוריק דערשינען אין ניו־יארק, ווי א המשך פון זיינע פריערדיקע הומאריסטישע ביכער, וועלכע ער האט ארויסגעגעבן אין משך פון די לעצטע 10 יאר, זינט ער איז געווארן א שטענדיקער תושב אין „אנקל סעמס מדינה".

„שעפט נחת" איז נודעלמאנס רייפסטע און געלונגענסטע בוך, וואס איז געשאפן געווארן אויפן געביט פון הומאריסטישן זשאנער אין יידישן אמעריקע.

אין דער לעצטער צייט זענען ווי פארטרוקנט געווארן די קוואלן פון יידישן לאכן, ווייל עס לאכט זיך אונז ניט... און ווען א פאלק הערט אויף צו לאכן, איז טאקע טרויעריק, זייער טרויעריק און אונזערע דלת־אמת...

ווען מען פארגלייכט מ. נודעלמאנס נייעסטן בוך צו זיינע פריערדיקע שאפונגען, למשל: איך בין אלרייט — און מאך א לעבן" (דערשינען אין ניו־יארק אין יאר 1951), אדער „לאכט א איד אין ארץ־ישראל (דערשינען אין יאר 1956), ווי א זאמלונג פון זיינע איינדרוקן אין מדינת ישראל, שאפט זיך דער איינדרוק, אז דער מחבר פון „שעפט נחת" איז געווארן רייפער און תוכנדיקער אויפן געביט פון דעם הומאריסטיש סאטירישן זשאנער. הומאר בכלל איז זייער א שווערער, עס ווילט זיך זאגן־ראפינירטער שאפונגס־געביט, און עס העלפן ניט קיין שום „זייטיקע מיטלען" ארויסצורופן דעם געוואונשענעם שמייכל.

אין דעם בוך „שעפט נחת", זענען פאראן ניט בלויז סתם געלונגענע, נאר ממש ברילאנטענע, הומארעסקעס פונעם יידישן לעבן אין אמעריקע, וואס אטעמען מיט פשטותדיקער עכטקייט. די 58 הומארעסקעס זענען א שעדעוור פון דער ספעציפיש־יידישער לאך־קונסט.

די פיער, כמו הקדמהדיקע הומארעסקעס: **א בוך ווערט געבוירן", „א בוך ווערט געלייענט", „א בוך ווערט דערהויבן", און „א בוך ווערט פארקויפט",



איז געטרייער „קרומער שפיגל" פון אונזער יידישן „ביכער מארק", וואס איז ווי אנגעמאסטן ניט בלויז פאר אמעריקע, נאר פאר אלע יידישע ישובים אויף דער גארער וועלט.

נודעלמאן דערציילט זיינע הומאריסטישע מעשהלעך בקיצור. און דאס איז די וויכטיקסטע מעלה פון שרייבן בכלל, בפרט נאך ביים שרייבן הומאר. דער עכטער הומאריסט נייטיקט זיך ניט אין די „ניין מאָס רייד", אין די אומנייטיקע שאבלאנישע באפיצונגען, וואס זאלן דעם מחבר דינען ווי א „סגולה" ארויס־צורופן דעם נייטיקן שמייכל.

ביים לייענען דאס בוך פארטראכט מען זיך: וועלכע הומארעסקע איז די געלונגענסטע? „ארויסגעגנבעט דעם לעקטשורער", „קיזעלעווקער פרעזי־דענטן", „א האטעל צו פארלירן וואג", „א צוזאמענפלי פון קלאסיקער", אדער „ציוויליזאציע — ווער דארף עס?", וכדומה, אז אלע מעשהלעך בעטן זיך ממש, איבערצולייענען נאך א מאל און ווידער אמאל, אדער זיי הערן אויף **דער בינע** פון „דזשיגאן און שומאכער", וואס האבן זינט יארן זיך מתחתן געווען מיט א גרויסן טייל פון נודעלמאנס שאפונגען.

אין זיין הקדמה צום בוך „שעפט נחת" זאגט דער מחבר:

„יעדער ייד איז א הומאריסט: אדער ער לאכט פון יענעם, אדער יענער לאכט פון אים!"

דאס איז א זייער געלונגענער „זאָג", ווייל יעדער ייד באטראכט זיך פאר א שטיקל מחותן צי הומאר. יידן זענען בכלל א פאלק פון הומאר, ווייל מיט דעם כוח פון הומאר האבן מיר פארלאכט אונזערע צרות.

און נאך א פרט:

נודעלמאן באנוצט אין זיינע מעשהלעך זייער אסך ענגלישע ווערטער, וועלכע ער האט פארײדישט, ווי זיי וואלטן ארויסגענומען געווארן פון אונזער לשון.

קאן מען וועגן דעם האבן פארשיידענע מיינונגען, אויב דאס ענגלישע לשון נייטיקט זיך ארויסצוהעלפן מיט פראנצויזישע, שפאנישע, אדער מיט איטאליענישע ווערטער. אבער נודעלמאנס ענגלישע ווערטער, ארייגעלייגט אין די מיילער פון זיינע יידן, קומען ארויס אזוי בא'טעמט, און נאטירלעך, אז מען דארף אים מוחל זיין פאר די אויסגעבארגטע אנגליציזמען. ווארעם: גיי און האב טענות צום מחבר פון „שעפט נחת", אז איך האב דאס בוך אנגעהויבן לייענען צום צווייטן מאל...

אַ יישר־כוח, פריינט נודעלמאן אין פארויס פאר אייערע ביכער — איצטיקע און פאַר די קומענדיקער שאַפונגען אויפן געביט פון יידישן הומאר און סאטירע.

## מזל־טוב

אַ האַרציקן מזל־טוב צו אונזערע פריינט **גדליה** און **מלכה ליכטנשטיין**, צום געבוירן פון זייער ערשטן אייניקל **יהודה לייב.** פריינט פון יידיש לשון

## צום „לוניק״ ... (צייט־ליד)

אויב פון איין אַטאָם, אַ צעריסענעם,
אונזער ערד־קיילעך אויפגעריסן קאָן ווערן ;
פון אַ חלום־וואַנדלדיקן לוניק,
ווערן אויף הימל אַ נייער פלאַנעט־שטערן ;

ערשט ווען דער גאַנצער כדור־הארץ,
ווי איין געוואַלטיקער אַטאָם וועט צעשפּאַלטן,
און אויף פּיץ־פּיצעלעך, שטויב־צעשפּליטערט,
מינדסט־פליענדיק שטויבעלע — נישט איינצוהאַלטן !

אַ, פון מיליאַרדן לונאַטיקער,
אַרומדרייענדיק זיך אויף אונזער ערד־קיילעך
גאַנצע מילך־וועגן עס וועלן ווערן — — —
דער קאָסמישער טאָג ער „רעקעטירט״ שוין גריילעך —

אין אַלע פיר־זייטן פונקן־צעשפּריצט,
צעפּלאַצט ס׳ערדעלע אין גאַנצע זון־סיסטעמען — —
אַז אַלץ שוין אין מענטשלעכע הענט עס ליגט,
איז נאָך דאָ צו האָפן אויף עפּעס, אויף וועמען ?

יאָ, האַר־געַנוי קאָנטראָלירט שוין ווערן,
די חשבונות פון ניוטאָנען און איינשטיינען,
אָבער דער חשבון צווישן מענטש און מענטש —
ס׳אָפּרעכענען זיך מיט בלוטיקע געוויינען —

קאָן מען ציילן די שטערן אין הימל ?
נו, וועט זיך נאָר איינער פינסטער אַרומדרייען ?
אדער אפשר, שוין דער מזלדיקער,
אויפצושיינען, ס׳מענטשלעכע האַרץ צו דערפרייען ?

דער גרויסער בער, יופּיטער און ווענוס,
וואָס האָט מען נישט אַלץ פון זיי אַרויסגעלעזן ?
איז ער אַצינד, דער לוניק, דער שלוס־פּונקט,
צי אַלע טעזן, אַנטיטעזן, סינטעזן — — —

„קאָנסט דו ציילן די שטערן אין הימל,
אזוי וועט מען קאָנען ציילן דיינע קינדער״,
אַזאַ אימה עס טאַפּט זיך אַרום האַרץ,
ווי ברעל־שריפט אין דער פינסטער עס טאַפּט אַ בלינדער :

„אויב פון בבל־טורעם די ליים־ציגל
אזא סומאַטאָכע דעמלט געקענט ווערן,
ערשט ווען פון הימל ס׳וועלן נעמען
צוריקפאַלן די געלעמטע ראַקעט־שטערן״ ?



## עס איז דא א גרענעץ צו מענטשלעכער שלעכטיקייט און א גבול געזעצט צו רציחה

מכוח דעם ענין מזרח־און מערב־בערלין און איבער די גרענעץ־ענדערונגען פון מזרח־און מערב דייטשלאַנד מוזן מיר זיך שוין ליידער פאַרלאָזן, — צי מיר ווילן, צי נישט, צי ס׳איז גוט פאַר ישראל׳ס רעאַל־פּאָליטיק איצט, צי נישט, צי ס׳איז לכבוד די יידישע געמאַרדעטע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד, צי נישט ! — אויף מאָסקווע.

נאָר די השגחה עליונה, נאָך דאָס אַבסאָלוטע קאַוזאַל־געזעץ, האָט געקענט צוטראַכטן אַזאַ אַדעקוואַטן עונש פאַר דעם פאָלק פונם „לעבנס־ראום־לוסט.

פאַר ברעסלאו, פאַר קעניגסבערג, פאַר שלעזיען און אָסטפּרויסן, פאַר די פאָרטן און די גראַנדיאָזע „באַדע״־שטעט ביי די אָסטגרענעצן, וויפיל טויטע דייטשן וואָלט דאָס הערן־פאָלק גערן אַוועקגעגעבן, זיי, די שטעט, צוריקצובאַקומען — אַן אָרגיע פון אַ מלחמת־מצוה וואָלט עס ביי זיי געוועזן ! נישט קיין טויטע — העלדן וואָלט עס ביי זיי געוועזן. ווי ביי אונז קדושים, איז ביי זיי להבדיל אלף הבדלות, העלדן.

די „שמאַך״ די שאַנדע, אַז ברעסלאו איז פוילן, אַז דאַנציק צאַפּאַט געהערט צו דער „פּאָלאָקיי״, אַז אָסטפּרויסן איז רוסלאַנד, אַז טויזנטער קילאָמאטער ערד זיינען אָפּגעשניטן פון זייער „בלובא״ ; דעם טויטן־שניט פילט יעדער דויטש, גוטער ווי שלעכטער — ווי אַ שניטן אין האַרצן זיינען די גרענעצן ! די געלע לאַטע איבערן „פּאַטער־לאַנד״ איז דאָס געטיילטע בערלין.

יאָ, אונזער יידישלעך נקמה־געפיל איז נעבעך אַ רחמנות נעבעכדיקער, אַ גלותדיקער, און דער סאַבריש־גבורימדיקער א צו — יעקיש פּראַקטישער !...

און זיך פאַרלאָזן אויף דער קריסטלעכע־ציוויליזאַציע, האָבן מיר זיך שוין צופיל פאַרלאָזט — מיט 6,000,000 קדושים ! און צומאָל איצט איז ביי זיי אַ גאַנץ בערלין ביליכער — ווי אַ גאַנץ ירושלים ! אפילו צו דער הייליקער כותל מערבי האָבן מיר נישט קיין צוטריט ! צו דער דויטשער ציוויליזאַציע און בערלין האָבן א ציטריטן ביידע שטאָט־טיילן. אפילו איצט, נאָך אונזער גרויסן חורבן האָבן זיי אונז מה־יפיתדיק דערנידריקט, צו העלפן דעם אויפבוי פון אַ מאַטעריעל־געזונט דייטשלאַנד — מיט די שילומים געלדער !...

יאָ, מיט רוצחים קאָנען זיך נאָר אָפּרעכנען געזונטע אכזרים ! דער אכזר ווערט א שליחא דרחמנא !! און די גרענעצן וועלן בלייבן ווי זיי זיינען, צי דאַלעס וועט יאָ מסכים זיין, צי נישט, צי עס וועט זיך כראָשטשעוון נאָך לוינען, צי נישט — ווייל אַזוי, אפנים, איז דער געטלעכער רצון ! אַזוי האָט ער צוגעטראַכט, פאַר אונזער חרפה צונעמען נקמה — ווייל עס איז דאָ אַ גרענעץ צו מענטשלעכער שלעכטיקייט און אַ גבול געזעצט צו רציחה. אויב עס שיינט אַצינד דער שטערן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, און די קאָנסטעלאַציע איז אויף זייער זייט, איז עס, כדי אויסצופירן אָט אָ די שליחות.

אָ, אָרעם פאָלק אונזערס, וואָס וואָלטן מיר געווען אָן דעם אַבסאָלוטן גלויבן אין דער השגחה־עליונה אונזערע: „על דאטפת טתפיך וטותפיך יטופין״? אָן דער ענוותדיקער הלל משנה אין פרק־אבות?

אמת, „חטאך בצדקה פרוק״! אבער פאַר חטאים מוז מען אויך אָפּקומען, עס מוז זיין „תשובת־המשקל״, מער מוזן ליידן פאַר באַגאַנגענע זינד, אויב די וועלט זאל האָבן אַ קיום און אז זי זאָל ווערט זיין צו האָבן אַ קיום.

האָט דאָס גאַנצע גרויסע דויטשלאַנד, דאָס אַמאָליקע, (עמלקע!) דאָס ארץ־הדמים, שולדיק אין פאַרגאָסענעם בלוט פון 6 מיליאָן יידן, זיך פעראייניקט איין גרויס חרטה־געפיל? כאָטש איין צערמאָניע איינגעפירט פון 6 רגע׳ס שווייגן — „למען ידעו דורותכם״!

האָבן די אַלע מיני קירכן כאָטש געמאַכט איין „בוזע״־טאָג, איין „בייכטע״־מינוט, אַז די גלאָקן כאָטש זאָלן אויסקלינגען זייער בלוטיקע זינד? כאָטש אויף האַלבע־מאַסט אַראָפּגעלאָזן די רויטע קאָמוניסטישע פאָן אין לייפּציק!

מישטיינסגעזאָגט די קאָמוניסטן פון לייפּציקער־יריד: פון די ברוינע הויזן אַריינגעשפּרונגען אין די רויטע הויזן!... פונם לאַנד־קנעכט — אַ רוסישער זשאַנדאַרם! פונם „טויטן־קאָפּ״ — אַן נ.ק.וו.ד. — אז אך און ווי — — — — —

אָ, דאָס חדיא־גדיא שפּיל פאַרן טייוול! דער פאַרכשופטער קרייז ווערט ווייטער אזוי „רעקעטירן״!! ביז „ואתה הקדוש ברוך הוא״ און ברענגען די באַפרייאונג פאַר אַלע מענטשן איבער דער גאַנצע וועלט. ש.

## אלוועלטלעכער יידישער קולטור-צוזאמענפאר ווערט גערופן! אויף סוף מערץ עס ווערט פראקלאמירט א שלום עליכם יאר

דער קולטור־צוזאמענפאר וועט צווישן אנדערן באטראכטן די פאלגנדיקע ענינים:

1. פראבלעמען פון דער יידישער ליטעראטור און פרעסע;
2. יידישע דערציאונג און די פראבלעם פון אונדזער יוגנט;
3. די רעכטלעכע און געזעלשאפטלעכע פאזיציע פון יידיש;
4. דאס יידישע בוכוועזן און די פארשפרייטונג פון יידישן בוך;
5. די יידישע מוזיק, טעכטער־קונסט און מאלעריי;
6. באריכט פון 10 יאר טעטיקייט פון קולטור־קאנגרעס און פראגראם פון ווייטערדיקער ארבעט.

דאס שלום עליכם־יאר וועט זיך אנהייבן דעם ערשטן מערץ 1959 און וועט דויערן ביזן סוף מערץ 1960.

אין דעם יאר וועלן ווערן דורכגעפירט פאלקספייערונגען, אקאדעמיעס און רעפעראטן וועגן שלום עליכם און זיין ראלע אין יידישער ליטעראטור. די אפטיילונגען פון קולטור־קאנגרעס וועלן דורכפירן די פייערונגען מיט דער הילף פון ספעציעל־געשאפענע קאמיטעטן. דער קולטור־קאנגרעס וועט איני־



ציאירן די שאפונג פון שלום עליכם־קאמיטעטן אויך דארט, וואו עס עקזיסטירן ניט קיין אפטיילונגען פון קולטור־קאנגרעס. צו די דאזיקע קאמיטעטן וועלן ווערן צוגעצויגן אלע קאנסטרוקטיווע קולטור־כוחות פון יידישן לעבן.

די שלום עליכם־קאמיטעטן וועלן דארפן מאכן באזונדערע באמיאונגען, אז אין זייערע שטעט זאלן גאסן און סקווערן ווערן אנגערופן אויפן נאמען פון גרויסן יידישן קלאסיקער.

די יידישע טאג־פרעסע און זשורנאלן זאלן ארויסגעבן ספעציעלע שלום עליכם־נומערן.

## באריכט פון י. ל. פיין קאמיטעט

אויף דער איינדרוקספולע פארזאמלונג צו פייערן דעם 75טן געבוירן־טאג פון אונזער ליבן און ווערטפולן פריינט י. ל. פיין האט זיך געשאפן א קאמיטעט וועלכער באשטייט פון בערנארד, (בנימין) גיליס ק. ק. טשערמאן, מיטגלידער: מרס. רחל דון־יחיא, ח. נ. בענקוויטש, מ. בעקערמאן י. א. ליסקי און יוסף פרענקל טרעשזורער, כדי צודערמעגלעכן חבר פיין צודערפולן זיין לעבנס־ווונש, צו מאכען א באזוך אין מדינת ישראל. מיר דאנקען זייער הארציק די אלע וועלכע האבן זיך באטייליגט אין דער מתנה און די פריינט וועלכע וועלן זיך נאך פילייכט באטייליקן. מיר ווינשן מר. פיין א דרך צלחה! און ער זאל גרויס פארגעניגן האבן פון זיין באזוך און פארברייינגן פסח אין מדינת־ישראל.

בערנארד ב. (בנימין) גיליס טשערמאן, און יוסף פריינקל טרעשזורער.
45 Larkhall Rise S.W.4.

### ליסטע פון די משתתפים

| | £ | | £ |
|---|---|---|---|
| מרס. רחל דון־יחיא | 5. 0.0 | מר. בערנארד ב. גיליס | 10.10.0 |
| מר. ח. נ. בענקוויטש | 5. 0.0 | מרס. פאקס | 5. 0.0 |
| מר. ב. בערמאן | 1. 0.0 | סיר ל. ק. הענריקוס | 1. 1.0 |
| מרס. לילי פרידמאן | 2. 0.0 | ל. רעזניק | 2. 2.0 |
| מרס. סאלאמאן | 10.0 | י. שינדלער | 2. 2.0 |
| מרס. האָכשטיין | 2. 0.0 | סיר לואיס גליקשטיין | 3. 3.0 |
| מרס. היימאן | 3. 0.0 | סיר הילמאן און קא. | 10.10.0 |
| מר. ווייסגראס | 3. 0.0 | סיר ברונאל כהן ק.ב.ע. | 5. 0.0 |
| מרס. ברויער | 1. 0.0 | ליבעראל דזואיש סינאגאג | 5. 5.0 |
| מרס. שפיגעלמאן | 1. 0.0 | י. דזעזערסקי | 2. 2.0 |
| מרס. גלען | 1. 0.0 | ז. הייבער | 5. 0.0 |
| מר. און מרס. בלום | 3. 0.0 | יוסף פרענקל | 1. 1.0 |
| מר. נ. גלען | 1. 0.0 | ק. באום | 1. 1.0 |
| מר. און מרס. ג. ליכטענשטיין | 5. 0.0 | מר. מ. בעקערמאן | 2. 0.0 |
| מר. קאמאן | 2. 2.0 | וואלד דזואיש קאנגרעס | 10.10.0 |
| מר. שמואל העכסט | 2. 2.0 | שמואל ווייט | 10. 0.0 |
| אנאנימאס | 3. 0.0 | ס״ה | 120. 0.0 |
| מר. באקשטאנסקי | 3. 3.0 | | |

## דר. יצחק נחמן שטיינבערג — בוך קאמיטעט

„דר. יצחק נחמן שטיינבערג — דער מענטש, זיין ווארט, זיין אויפטו"

אין ספר י. נ. שטיינבערג וועט געדרוקט ווערן אן אויספירלעכע ביאג־ראפיע זיינע, א ביבליאגראפיע פון אלע זיינע כתבים אין עטלעכע שפראכן און אויך א פולע רשימה פון די ארטיקלען וועגן אים. עס וועט אויך אין בוך דערשיינען אן אויסקלויב פון זיינע כתבים — באזונדערס יענע, וואס זענען נישט אריינגענומען געווארן אין די זאמל־בענד פון זיינע ווערק.

פאראינטערעסירטע שריפטשטעלער, געזעלשאפטלעכע טוער און פריינט פון דר. שטיינבערג ז"ל ווערן געבעטן זיך צו שטעלן אין קאנטאקט מיט דעם שטיינבערג בוך־קאמיטעט — 310 וועסט, 86טע סטריט, ניו יארק 24.

## די יערליכע אלגעמיינע-פערזאמלונג פון פריינט פון יידיש לשון

זונטיק, דעם 25׳סטן יאַנואַר, 4 אַזייגער, אין אַדלער־הויז אַדלער סטר. א.1

די יערלעכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פריינט פון יידיש לשון

סדר היום:

א. באַריכט פון פערגאַנגענעם יאר;
ב. פלענער פאַר נייער אַרבעט;
ג. וואַלן פון קאַמיטעט.

יעדער וואָס איז אַ פריינט פון יידישן־וואָרט איז איינגעלאַדן

## לאנדאנעד קולטור ידיעות

א־נם לייוויק־שבת נאָכמיטאָגס, שבת, דעם 20׳סטן דעצעמבער האָבן זיך באַטייליקן י. ביעטש, מ. מ־נדעל, דאָס אַקטיאָרן פאָרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד, און דער גאַסט פון ישראל, לייב ראָכמאַן. אויף דער לייוויק פ־יערונג, זונטיק דעם 21׳סטן, האָט דר. יעקב מ־טליס גליינט אַ שיינעם רע־פעראַט וועגן די גאולה מאָטיוון ביי לייוויקן אין דער פיינער קינסטלער יידל גאָלדבערג האָט רעציטירט לייוויקס לידער.

• • •

לייב ראכמאן, דער דירעקטאָר פון „קול־ישראל" יידישע אָפטיילונג, וויילנדיק דאָ איניקע טעג אין לאָנדאָן אויף זיין צוריק־נסיעה קיין ישראל, פון אַרייזע איבער א האלבע וועלט. א־ז אויפגענומען געוואָרן ביי אַ גלעזל טיי פון פריינט פון יידיש לשון", ווי דער חשובער גאַסט האָט דערציילט פון ירושלים און איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון די חברים: י. ביעטש נעט רובין, מנשה וייסגראַז, י. א. ליסקי, משה דאָמב, א. נ. שטענצל. עלי זילבערג האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

אין סעמינאַר פערגאַנגענעם חודש האָבן זיך באַטייליקט מיט לעקציעס הרב רעווו אליעזר ספעקטאָר, ש. ל. קרעדיטאָר און יעקב ריכטיקער.

• • •

ח־הלע אַש־ס לעצטער אויפטריט אין גרענד־פאַלעי־טעאַטער פאַר איר אָפפאָר קיין ישראל איז געווען אַ פייערלעכער.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן־סעטלמענט — 3 אַזייגער

שבת, דעם 10׳טן יאַנואַר — שלמה אוירבאַך איבערן שאַפן פון דר. קלויזנער.
שבת, דעם 17׳טן — סעם לעווי: וועלט־פאָליטיק־סך הכל.
שבת, דעם 24׳טן — שבת־שירה און „חמישה־עשר"־פראָגראַם.
שבת, דעם 31׳סטן — שלום עליכם און ארץ־ישראל.

לכבוד דעם בוך „לידער און משלים" פון רחל בערגמאַן, אַרויסגעגעבן פון איר טאָכ־טער דאָראָטעאַ קרוק, האָט פריינט פון יידיש לשון געמאַכט אַ באַשיידענע מסיבה פאַר דער אַרויסגעבערין פון דעם בוך, ווו אַ ביסל עקסעמפלאַרן האָבן זיך פאַרקויפט. דעם פאָרזי־ץ האָט ג,פ־רט י. ביעטש.

• • •

מ. מינדעל, פאַרזיצער פון בונד, פייערט דעם חודש זיין 50 יאָריקע קולטור־טעטיקייט אין לאָנדאָן. עס פאלט אויך אויס זיין גאָל־דענע חתונה. מיר באַגריסן דעם בעל יובל. און ווינטשן אים און זיין פרוי נאָך אַ סך געזונטע גוטע יארן.

• • •

אויף אַ באַנקעט אין אַדלער־האָל, וואָס „פריינט פון יידיש לשון" האָט איינגעאָרדנט לכבוד מאַרק מרקאָוו און עטא טאָפּליס, וואָס ויילן איצט אין לאָנדאָן, זיינען די חשובע געסט גאָר פ־ערלעך אויפגענומען געוואָרן. יידיש לאָנדאָן האָט נישט פאַרגעסן די זיבן זאַטע יאָרן פון ה־גן יידישן טעאַטער, ווען מאַרקאָוו א־ז געווען דער דירעקטאָר און סטאַר און טאָפל „די לידינג לעדי". נאָך די באַגר־סונגען, די אין נאָמען פון שרייבער פעראיין ש. י. האַרענדאָרף, אין נאָמען פון דעם חבר־ם גרופע א־ן גרענד פאַלעי — בער־נאַרד מענדעלאָוויטש, א־ן נאָמען פון „פריינט פון יידיש לשון נעט רובין, האָט מאַרק מאַר־קאָוו באַגייסטערט דעם עולם מיט די איינד־ר־קן פון ישראל, און דערציילט פון דעם קולטור טעט־קייט פונם יידישן ישוב אין דרו־אפריקע, און עטע טאָפעל האָט זיך גע־ט־־לט מיט די צוהערער מיט די שיינע זכרו־נות פון א־בער א צענדליק יאר טעאַטער אין לאָנדן. עס האָבן נאָך גערעדט רחל דאַניאַק, י. ל. פיין, א. נ. שטענצל. י. ביעטש האָט ג,פ־רט דעם פאָרזיץ.

• • •

דאָס אַקט־אָרן פאָרל סעם גאָלדבערג אין ע־לען ווינאָגראַ־ ז־ינען אָפגעפאָ־ן און קאָנ־צערט־טור ק־־ן אַמער־קע.

• • •

אין הויז פון שמואל ווה־־ט איז איינגע־־רדנט געוואָרן אַ צאתכם לשלום־באַנקעט לכבוד מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפל.

• • •

צו די יד־שלעכע מלוה־מלכות, אין דער קאָמערשל שול, ז־ינען צוגעקומען די פריי־ט־ק־צונאַכט מ־טן לערנען חומש מיטן עולם.

יוסף הלל באָרנשטיין, איינער פון די מ־ט־גרינדער פונם אַנסקי־קלוב אַמסטערדאַם האָט אויף זיין באַזוך אין לאָנדאָן געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי די שבת־נאָכמיטאָגס.

• • •

אליהו פאַלושאַק א־ז פערגאַנגענעם חודש געוואָרן אַ בן־ששים. מיר ווינטשן דעם בעל־יובל, נאָך אַ סך לאַנגע געזונטע יאָרן.

• • •

ד־ לעקציעס, איבער יידישע ליטעראַטור, וואָס מ־כאל זילבערבערג גיט יעדן דאָנער־שט־ק אָוונט אין דער מ־רדל־סקול, מירדל כטר. א. 1, איינגעאָרדנט פון דער ק. ק. ציען לעצטנס צו אַ גרעסערן קרייז צוהערער.

• • •

דר. בורג, כנסת־מיטגליד, האָט זיך באַטיי־ליקט אויפן מזרחי־יובל. אויסמיידן אַ וואָרט ־דיש אויף דער קאָנפערענץ איז מסתם מלו־כהשע־לאָיאַליעטעט.

• • •

א־ן פערלאַג „שאַפ־ראָ־וואַלענט־ין" איז דערש־נען דר. י. מ־־טליס אַן אַרבעט (אין ענגל־ש) א־בער דעם מ־סר־מאָטיוו אין דער יידישער פאָלקס־מעשה.

• • •

או־פן טראַד־צ־אָנעלן מענדעלע מוכר־ספ־ר־ם אָוונט, צום 123׳סטן געבוירן־יאָר, האָט זיך די אַקטר־סע, חיהלע אַש, מ־טבאַטייליקט.

• • •

פאַרגאַנגענעם חודש איז געשטאָרבן דער אַרבעטער־טוער ד. גאָלדינגער, איינער פון די מיטגרינדער פונם אַרבעטער רינג. אונזער ט־פן מיטלייד צו פרוי גאָלדינגער.

• • •

דער סטאַר פונם ווינטער־סעזאָן אין גרענד־פאַלעי טעאַטער וועט זיין חנהלע צעל־נ־קער! ס'א־ז צו האָפן אז די מערכה פון טעאַטער וועט זיך אַ סך פאַרבעסערן.

• • •

דער געזאַנג־אָוונט פון ס־דאר ב־לאַרסק, איינגעאָרדנט פון יידישן שרייבער פעראיין, ייוו"א און וועלט־קאָנגרעס פערגאַנגענעם ח־דש, א־ז געווען אַ גרויסער דעפאָלג.

• • •

אויף דער לעבעדיקער־צייטונג פערגאַנגע־נער, שלמה או־ערבאַך, מ. בעקערמאַן א.א. נעם ח־דש האָבן זיך באַטיי־ל־קט דר. ד־רינ־פאָרזיץ: א. חנן

• • •

יידישע קולטור געזעלשאפט

2 Bloomsbury Place, W.C.1 — Telephone : MUSeum 4702/3

# קאָנצערט פון יידישע פאָלקס לידער

זונטאג, 15טען פעברואר 1959

האלב 8 אזייגער אווענט

**Assembly Hall, St. Pancras Town Hall, N.W.1**

**JEANNE AUSTIN (Soprano)**

**Accom. IVOR NEWTON**

יוסף דאלינגער (טענאר)

(אַ קאָמפּאַנימענט סילווא כהן)

**SUZANNE ROSZA**

**Violinist (of Radio and Television)**

מאיר טצעלניקער :

פארלעזונג פון שלום עליכם׳ס ווערק

יידישער מענער כאר

בילעטן ביי דער קאַסע, אַדער אויפן אַדרעס פון דער

יידישער קולטור־געזעלשאַפט

## אויסשטעלונג פון יידישע ביכער

מוצ״ש 7טען מערץ און זונטיק דעם 8טען מערץ, 1959

האלבערן האל א.ס.1.

3 רעפעראַטן

איינטריט פריי

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*



דער היינטיקער נומער „לשון און לעבן״

געווידמעט צום 100׳סטן געבוירניאר פון שלום עליכם

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 30־329) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג פעב.־מערץ 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

צו שלום עליכמס געבוירנטאָג, שלום־עליכמס געלעכטער,
„לאָנדאָן פאַרוואָס ברענסט דו נישט״ ? .......... °° 1
שלום עליכם (בילד) .......... 2
לאָנדאָן פאַרוואָס ברענסט דו נישט ? (דערציילונג) .......... שלום עליכם 5
נישט באַשערט געווען (דערציילונג) .......... יהודה ביעטש 11
פאַר אים (ליד) .......... עלי זילבערג 16
סאָנעטן, לידער און צייט־סאַטירעס .......... א. נ. שטענצל 17
אין רבינ׳ס הויף (זכרונות) .......... א. מייזעלס 26
מיצקעוויטש (ליד) .......... א. פושקין 30
דער אייביקער יום־טוב פורים (ליד) .......... א. ב. לאַנדסמאַן 31
איישישאָק ביי טייכל פליישישאָק (סאַטירע) .......... אליהו פּאַלושאַק 32
דער צרות־קאַנאַל (הומאָרעסקע) .......... יוסף מאַרקאָוויטש 33
דער פורים־בעכער (ליד) .......... שמואל וההייט 37
נאָטיצן פון אַ ליינער .......... מ. אַלמאַן 38
אַ בריוו פון י. ל. פּיין .......... 39
אונזערע „פאַרבלאָזשעטע שטערן״ (פאַר דער אויפפירונג „שווער צו זיין
אַ ייד .......... ש. 40
די לאָנדאָנער חברים־גרופּע (פּאָטא) .......... 42
לאָנדאָנער קולטור ידיעות יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס .......... 44

## געדענקט די דאטומ׳ס :

מאָנטיק דעם 2׳טן מערץ — „שווער צו זיין אַ ייד״

מיטוואָך דעם 11׳טן מערץ — דער גאַלאַ קאָנצערט

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England